STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03085

Y.L. PERETS

Aaron Joel Zacusky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

פון זעלביקן מחבר דערשינען:

אני מאמין, לידער, 1935.

פאר מיר, פאר דיר, פאר אלעמען, פאעמע, 1938

איבערזעצונג:

אין קאפע־הויז, פון ערריקא מאלאטעסטא, 1936

גרייט צום דרוק:

אט־אזוי־א, לידער

א. י. זאַקוסקי

י. ל. פּרץ

בוך-געמיינשאַפט

— ביי דער —

יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

בוענאָס איירעס, 1942

PRINTED IN ARGENTINE

A. J. ZACUSKY: — I. L. PERETZ

Editado por "Buj Gemeinschaft bei der Idischer Razionalistischer Geselschaft"

Buenos Aires, 1942

Talleres Gráficos "OPTIMUS" — Valentín Gómez 2719 —

פרץ איז געווען אַן אַלזייטיקע פּערזענלעכקייט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַלזייטיק, אַזוי האָט ער זיך געווענדט תמיד אין אַלע זייטן, נישט דורכצולאָזן גאָרנישט, עפּעס זאָל אים נישט בלייבן, חלילה, אומבאַמערקט אויף אַלע געביטן: סאָציאַלע, פּאָליטישע, ליטעראַרישע, עסטעטישע. און היות אַלע פּראָבלעמען פון די פאַרשידנסטע געביטן און ריכטונגען האָבן אים אינטערעסירט און זענען אים געווען אייגן, האָבן אים טיף אָנגעריירט, במילא האָט ער געמוזט זוכן פאַרשידענע פאָרמען זיי אַרויסצוברענגען. דערפאַר האָט ער אויסגעפּרוּווט אַזויפיל ריכטונגען אין דער ליטעראַטור און אין לעבן, אַלערליי זשאַנערן. ער איז געווען פאַרשידנאַרטיק אין די פאָרמען ווי אין די פּראָבלעמען.

פּרץ איז געווען דיכטער, דראַמאַטורג, דערציילער, פּובליציסט, פּאָליעמיסט; אויסגעפּרוּווט די רעאַליסטישע שול, די ראָמאַנטישע, סימבאָליסטישע, דעם פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז; געווען סקעפּטיקער, ראַציאָנאַליסט, אידעאַליסט. איבערגעדיכטעט פון מאָדערנע שרייבער — היינע, ביאַליק — און פון דער ביבל, אָנגעהייבן פון שיר-השירים אַזש ביז קהלת, און אויך אַקדמות... געשריבן ליבע-לידער, אַלעגאָריעס, פאַבלען, קורצע אַפאָריזמען און שאַרפע, בייסיקע עפּיגראַמען... געווען נאַציאָנאַליסט מיט אויסבליק צו וועלט און קעגן נידעריקן,

קליינלעכן שאָוויניזם... געטרוימט וועגן דער אויסלייזונג פון דער מענטשהייט, גאולה.

אין אַלע ציימן האָט ער זיך געווענדעט צו פאַרשידענע געביטן און זשאַנערן; און אויף אַלע אידעען איז אומעטום ביי אים דאָ אַ רמז. ער האָט בלויז אין אַ געוויסער צייט זיך געקענט ווידמענען אָדער זיך אָפּשטעלן מער אויף דעם צי יענעם פּראָבלעם, אָדער פולשטענדיק געמיט זיך אַרויסצו־ברענגען דעם אידעען־קאָמפּלעקס, מחמת ער האָט עס אויס־געפונען פאַר אומבאַדינגט וויכטיק און נויטיק פאַרן לעבן און קיום...

און פּרץ האָט תמיד געהאַט אין אויג די דערציאונג, בילדונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן, די גייסטיקע אַרויסהיי־בונג זייערע און דערהויבונג. דאָס אַלץ געשטיצט אויף דער יידישער אייגנאַרט, אייגנטימלעכקייט. און מיט ליבשאַפט האָט געשטראַלט פון אים צו אַלץ און אַלעמען. און דערפאַר איז ער געוואָרן — און ראוי געווען צו ווערן — מנהיג, פירער.

מיט דעם רעפעראַט מיין איך בלויז סקיצמעסיק, סכע־מאַטיש, וואַרפן שיין אין איין ריכטונג אַריין, אַהין, וואו ס׳שטעקט, פאַקטיש, פּרצעס תוך, תמצית, און דורך וואַגנען עס קומען דורכאויס, פולשטענדיק, צום אויסדרוק דער גע־דאַנקענגאַנג, לעבנס־פילאָזאָפיע און הויך־דערציעריש־מאָראַ־לישע באַגריפן פון דער עטישער פערזענלעכקייט יצחק ליי־בוש פּרץ.

מ׳קען נישט אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג אַרויסברענגען מער. קיינער דאַרף זיך נישט ריכטן אויף אויסערגעוויינלעכס און זאָל נישט זוכן קיין חידושים. הגם איך האַלט, אַז לגבי פּרצן איז מיין צוגאַנג ניי.

קודם־כל לאָמיר זיך באַקענען מיט זיין לעבן. ס׳וועט צונוצקומען צו מאַכן לייכטער אַריינצודרינגען אין דעם גייסט יצחק לייבוש פּרץ. בכן, צו ביאָגראַפישע דאַטן: קינדהייט, יוגנט, השפּעות, אינטערעסן, באַשעפטיקונגען, געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ליטעראַרישע טעטיקייט.

פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1852, דעם 18־טן מאַי, און איז געשטאָרבן אין קנאַפּע 63 יאָר אַרום, ד. ה. אין 1915, דעם 3־טן אַפּריל.

שוין קליינווייז האָט ער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פֿעאיקייטן; געווען אַן עלוי. אָבער כאָטש געהאַט אַ פֿלינקן, לאַגישן מח, איז ער אויך געווען פֿול געמיט, געהאַט אַ טיףפילנדיק האַרץ. דידאַזיקע צוויי היפּוכדיקע עלעמענטן שפּילן אין אים אַ געוואַלדיקע ראָלע דאָס גאַנצע לעבן. ס׳קומט אויך צום אויסדרוק דורך דעם אייביקן קאַמף־שפּיל פֿון ליכט און שאָטן, נשמה־ריינקייט און זינד־פֿלעקן.

פֿון קליינערהייט אָן האָט ער שטאַרק ליב־געהאַט הערן דערציילן מעשהלעך. עס וועקט די פֿאַנטאַזיע און רירט אָן דינע געפֿילן. אומפֿאַרגלייכלעך איז די ווירקונג פֿון תנ״ך. ס׳פֿאַרטראָגט אים ווייט־ווייט, אין אַ פֿאַנטאַסטישער וועלט. לאָמיר דאָס געדענקען. — אויך ווירקונגען פֿון פֿאַרשידענע רביים, געשעענישן, וואָס שניידן זיך איין אין זכרון, פֿערסאָ־

נאַזשן פון דער היימישער און אַרומיקער סביבה שטעמפּלען זיך אויף תמיד אָפּ. די עלטערן.

אָט אויף די עלטערן איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל לענגער. בכלל זענען זיי שטאַרק משפּיע אויף דער פורעמונג פון די קינדער, און די דערקלערונג פאַר אַ סך געוויסע כאַראַקטעריסטישע שטריכן דאַרף מען זוכן אין זיי. פּרץ איז נישט קיין יוצא מן הכלל, ווי מיר וועלן עס טאַקע נאָכדעם זען. און דערפאַר לאָמיר זיך באַקענען מיט זיי און וויסן, וואָס פאַר אַ טיפּ מענטשן זענען עס געווען. דאָס וועט אונדז דער־ציילן יונה יהושע פּרץ, יצחק לייבושעס אַ ברודער.

„אין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט זענען אונדזערע עלטערן געווען כמעט דער היפוך איינער פון צווייטן. דער טאַטע איז געווען אַ למדן, אַ גוטער קאָפּ, און כאָטש נישט קיין חסיד, אָבער מיט אַ חסידישער נשמה. ווען ער וואָלט אפילו נישט געוואוסט פון די חסידישע ספרים, אַז גאָט קאָן מען דינען ניט דוקא דורך פּייניקן זיך, נאָר דורך פרייד, וואָלט ער דערצו געקומען מיט זיין אייגענעם שכל, מיט זיינע איי־גענע געפילן.

„גאַנץ אָפט האָט ער אַרויסגעזאָגט רעוואָלוציאָנערע אידעען. (———) ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער, וועלכע האָבן געהאַט גאַר קנאַפּע האָפענונגען פאַרווירקלעכט צו ווערן. ער איז אַלעמאָל געווען אַ היציקער, אַ הייסבלוטי־קער, אָבער מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ווען ער האָט פאַר־לוירן זיין פאַרמעגן און איז געוואָרן אויס דאַנציקער סוחר, האָט ער זיך קנאַפּ וואָס געמאַכט דערפון.

„...מען קען זאָגן, אַז דער טאַטע אונדזערער האָט שוין אין יענער צייט אונטערשיידט צווישן אמתער פרומקייט און

אָפּיציעלן גלויבן, וועגן וואָס עס האָט שפּעטער געשריבן טאָלסטאָי.

„די מאַמע ווידער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענע מתנגדישע טאָכטער, אַ שטאַרקער און שטרענגער כאַראַק־טער און אומגעהויער פרום. ווען לייבוש האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין ווילנע אין דער ראַבינער־שולע (אַ שול פאַר אַ מין רעפאָרם־ראַבינער), האָט די מאַמע געפאַסט אין פאַרלויף פון צוויי יאָר יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און פלייש האָט זי געגעסן משבת לשבת. ביים טאַטן איז לייבושעס פּלאַן אויך געווען אַ חטא, אָבער ער האָט אים פאַרשטאַנען".

און כאָטש אַזאַ אונטערשייד אין די טעמפּעראַמענטן, פונדעסטוועגן „...זיי האָבן אָפּגעלעבט העכער פופציק יאָר (צוזאַמען), און קיין איינציק מאָל איז צווישן זיי נישט געווען קיין ערנסטער סכסוך".

איצט לאָמיר זען וואָס פּרץ גופא זאָגט אין „מיינע זכרו־נות". וועגן פאָטער שרייבט ער:

„דער טאַטע מיינער (————) בטבע אַ ליבעראַל, אפשר אַן אַנאַרכיסט.

„אַז עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מען וועט נעמען צום מיליטער, און מען האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, האָט ער גע־ראָטן: נישט שרעקן זיך און נישט גיין. קיינער זאָל נישט גיין...

„— מען וועט שמייסן!

„— אַ וועלט שמייסט מען נישט!

„— שמידן אין קייטן!

„— נישטאָ אַזויפיל קייטן!

„— איינזעצן אין תפיסה!

„— אכיבא מאַכן די וועלט פאַר אַ תפיסה!"[1]

געדענקט דידאַזיקע ווערטער, ווייל, ווי מיר וועלן באַלד זען, האָבן זיי אויף דעם שפּעטערדיקן מענטש און שרייבער געהאַט אַ גרויסע השפּעה. נישט ווייניקער האָט געווירקט דער מוטערס אַן אויסדרוק. דערמיט איז פאַרבונדן פאָלגנ־דיקער עפּיזאָד פון די קינדעריאָרן: ס'איז פרייטאָג־צו־נאַכטס. יצחק־לייבושל איז קראַנק. דער טאַטע ברענגט אַן אורח אויף שבת. „...דערווייל וואַשט מען זיך; דער טאַטע, דערנאָך דער אורח. נעמט ער, דער אורח, אונדזער גרויסע, שווערע, צוויי־אויערנדיקע פולע קופּערנע קוואָרט אין איין האַנט אַריין, גיט מיט אַמאָל אַ גאָס אויף דער צווייטער, — שעפּט אָן פון פעסל, טוישט די הענט — ווידער מיט אַמאָל אַ פולע קוואָרט וואַסער. און אַזוי דריי מאָל... ביי אונדז טראָגט וואַסער דאָס קראַנקע קליינע אייזיקל, וואָס איז מפרנס מיט וואַסער־טראָגן אַ ווייב מיט אַכט קינדער, און נעמען נעמט מען ביי אונדז נישט פון דער קאַן, נאָר פון דער וואָך; דאָס פעסל טאָר נישט זיין ליידיק... מאַכט די מאַמע, וואָס שטייט מיר צוקאָפּנס, שטיל צו זיך, נאָר איך הער:

„— פרום אויף אייזיקלס חשבון!"[2]

און באַלד נאָך דעם עפּיזאָד גיט פּרץ צו:

„דעם טאַטנס „אַ וועלט זעצט מען נישט איין", און דער מאַמעס: „פרום אויף אייזיקלס חשבון" — די צוויי זאָמען, די צוויי קערנדלעך, וואָס מען האָט מיר, אין דער יונגער נשמה אַריינגעוואָרפן, זענען קיינמאָל נישט פאַרלוירן געגאַנגען.

---

1) „מיינע זכרונות", ז. 11־10. אויסגאַבע פון ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין.

2) „מיינע זכרונות", ז. 48־47.

שטענדיק, שטיל און באַהאַלטן, געשפּראָצט און אין אַלע מיינע זאַכן אויסגעשפּראָצט..."3).

אַט וואו מען דאַרף זוכן דעם שורש פאַר אַזוינע כאַראַקטער-שטריכן אין אים, ווי ערנהאַפטיקער שטאָלץ, מוט און געוואַגטקייט אַרויסצוזאָגן פרייע מיינונגען און דאָס איינשטעלן זיך שטאַרק פאַר אידעען, דאָס געפיל פאַר גערעכטיקייט און שנאה צו אומיושר.

דאָס קינד פּרץ וואַקסט פאַרמחט, צעטראָגן, פאַרחושט, צעשטרייט, פאַרטרוימט; אַריינגעטאָן אין זיין אייגענער טיפער וועלט. אַ שטייגנדיק רחמנות צו די ליידנדיקע וואַקסט מיט אים מיט. איז שטאָלץ, זעלבסטווירדיק. לעבט פולשטענדיק אָפּגעריסן פון דער נאַטור. זי איז בכלל נישט בנמצא אַרום אים. ערשט אַלס דערוואַקסענער בחור קומט אים אויס צום ערשטן מאָל צו זיין נאָענט מיט איר.

איז כסדר פאַרטאָן אין לערנען. קליינערהייט און יינגלוויז אין יידישע לימודים, אָנגעהייבן פון תנ"ך און פאַרענדיקט מיט קבלה; שפּעטער, אַלס בחורל, לערנט ער שפּראַכן. דורך אַ צופאַל-געלעגנהייט קומט ער צו אַ ביבליאָטעק, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער וועלט-ליטעראַטור און ברייט וועלטלעך וויסן. נייע איינפלוסן, ווירקונגען. אַן איבערקערעניש אין זיין וועלט-באַנעם. ספקות. טראַכט פאַרן לערנען אין אַ ראַבינער-שול. האַלט זיך אָפּ דערפון אויס ליבשאַפט צו זיין מוטער, בכדי זי נישט איבערצולאָזן אין בענקעניש.

דאָס דאָ אַלץ אויסגערעכנטע איז דעצידירנדיק פאַרן שפּעטערדיקן מענטש און שרייבער. בכלל, איז די קינדהייט און יוגנט-צייט די דעצידירנדיקסטע פאַרן לעבן און כאַראַק-

3) „מיינע זכרונות", ז. 48.

טער־פורעמונג פונעם מענטש. הלוואי וואָלטן דאָס אונדזערע עלטערן געוואוסט און פאַרשטאַנען. איבערהויפּט די מאַמעס.

צו צוואַנציק יאָר האָט פּרץ חתונה. מיט דערדאַזיקער ערשטער פרוי וועט ער אין עטלעכע יאָר אַרום זיך צעשיידן. נאָך דער חתונה פירט ער אַ פּאָר יאָר אַ ברויז, אין צוויזמיר, צוזאַמען מיט אַ שותף. ער גיט זיך ווייניק אָפּ מיטן געשעפט; איז גיכער פאַראינטערעסירט אין לייענען, שרייבן לידער, פירן שמועסן. איינמאָל, פאַר פּסח, פאַרגעסט ער צו פאַר־קויפן אין חמץ די ברויז מיט די מכשירים. ער דערמאָנט זיך צו שפּעט, און ווייל ער איז איבערצייגט, אַז מ'טאָר נישט אָפּנאַרן און נישט אויסנוצן יענעמס אומוויסן, — גיסט ער אויס דעם גאַנצן זאַפּאַס ביר. דורך דעם פאַרלירט ער זיין קאַפּיטאַל און מוז אַנטלויפן. ער קומט קיין וואַרשע. דאָ לעבט ער פון געבן העברעישע שטונדן.

פינאַנציעל איז אים קיינמאָל נישט געגאַנגען גוט. פּשוט זיך נישט אויסגעטויגט פאַר דער מאַטעריעלער זייט פון לע־בן. שוין אַלס מאַן אין די פערציקער, אַרום יאָר 1893, איז ער זיך מודה דעריין און פאַרקלאָגט זיך פאַר יעקב דינעזאָנען: „גלויב מיר, מיין פריינד, אַז איך קאָן גאָרנישט אויפטאָן. דו גלויבסט מיר נישט, אַז אין אַ ענין, וואָס איז נוגע מיר אַליין, מיין אייגן לייב, קען איך גאָרנישט אויפטאָן און בין אַן אומ־באַהאָלפענער מענטש אין פולן זין פון וואָרט. פון קינדווייז אָן האָב איך זיך געלערנט טאָן פאַר אַנדערע, און כ'האָב מיין גאָרטן נישט געהיט און קאָן אים נישט היטן".(4

צו פינף און צוואַנציק יאָר גיט ער אַרויס, צוזאַמען מיט

---

4) „בריוו און רעדעס", ז. 81. י. ל. פּרץ — „בריוו און רעדעס", גע־זאַמלט און איבערגעזעצט מיט אַריינפירן און באַמערקונגען פון נחמן מייזיל. ווילנע 1929. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין.

זיין שווער, דאָס ערשטע ביכל שירים. די ערשטע שריט פאַר דער עפנטלעכקייט זענען אויף העברעיש (ער האָט שוין גע־שריבן פריער געלעגנהייטס־לידער. אויך געפּרוּווט שרייבן פּויליש, אָבער גאָרנישט פאַרעפנטלעכט). די ערשטע אַרבעטן זענען מליצהדיק און שוואַך. העברעיש וועט ער נאָך שרייבן אַן ערך העכער אַ צענדליק יאָר; און ווען ער וועט שוין שפּע־טער, אין יאָרן אַרום, פולשטענדיק איבערגיין צו יידיש — וועט ער זיך נאָך אומקערן פון צייט צו צייט צו דערדאָזיקער שפּראַך.

נאָך אַ פּאָר יאָר וואַרשע — אין 1877 — קערט ער זיך אום אין זיין געבורטשטאָט זאַמאָשטש. — דערווייל חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל.—וויל דאָ גרינדן אַ העברעישע שול. די אָרטאָדאָקסן דערלאָזן נישט. האַלט אַ מיל. לערנט זיך אויס דעם רוסישן געזעץ־קאָדעקס, האַלט אויס עקזאַמען, ווערט אַדוואָקאַט. צען יאָר גיט ער זיך אָפּ מיט פּריוואַט־אַדוואָקאַ־טור. צייכנט זיך אויס דערביי און האָט גרויס דערפאָלג. שרייבט אַ סך אין העברעיש, פּויליש און יידיש, אָבער פאַר־עפנטלעכט נישט. צערייסט אָדער פאַרברענט דאָס געשרי־בענע. איז קריטיש און שטרענג צו זיך. פאַראינטערעסירט זיך מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן. די יידישע דערציאונג איז פאַרנאַכלעסיקט. ער אָרגאַניזירט אָוונט־קורסן פאַר אָרעמע בעלי־מלאכות און אַרבעטער. עס האָט דערפאָלג. אָבער די אָרטאָדאָקסן שטערן און מסרן. ס׳פאַלט אויף אים אַ חשד פון אומלאָיאַלקייט צו דער רעגירונג און נייגונג צו סאָציאַליזם. דאָס, קען זיין, ווירקט שפּעטער, נאָך אַ מסירה פון אַ קאָנקו־רענט, אָפּצונעמען ביי אים דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַד־וואָקאַטור. — צוליב זיין פּראָפעסיע קומט אים אויס אָפט צו פאָרן קיין פּעטערבורג, וואַרשע; דאָ באַגעגנט ער זיך אין

1886 מיט העברעישע שריפטשטעלער. און עס הייבט אָן ווי־דער, נאָך אַ יאָרנלאַנגער הפסקה, זיך צו באַווייזן זיין נאָמען. אין העברעיש, פאַרשטייט זיך. צווישן אַנדערע דרוקט ער אָפּ די פּאָעמע „מנגינות הזמן". דאָ קומט שוין צום אויסדרוק פּרצעס ברוגזנדיקער טעמפּעראַמענט. דאָ טרעט פּרץ אַרויס פּאָזיטיוו און אַלס הייסער פאַרטיידיקער פון דער יידישער שפּראַך, „דעם לשון — ווי ער שרייבט — פון די פאַרטרי־בענע, דעם לשון פון די יידן, דעם לשון, וואָס וועט זיין אַן אייביקער עדות אויף דעם פאַרגאָסענעם בלוט, אויף די אַלע רציחות און חורבנות און אויף די אַלע וואָגלענישן פון לאַנד צו לאַנד; דעם לשון, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גע־וויין פון אונדזערע עלטערן, דעם וויי־געשריי פון די דורות, דעם גיפט און די ביטערקייט פון דער היסטאָריע... די די־מענטן און בריליאַנטן, וואָס זענען אין איר איינגעפּאַסט — דאָס זענען דאָך די ניט אויסגעטריקנטע, די פאַרגליווערט־געוואָרענע יידישע טרערן".5) פּרץ איז שוין דאַן אַנטשלאָסן צו שרייבן יידיש. פילט פון לאַנג אַ נויטווענדיקייט עס צו טאָן.

אַרום מיט 1888 הייבט פּרץ אָן קאָרעספּאָנדירן מיט שלום־עליכמען. אין העברעיש, ווי אין יענער צייט איז געווען אָנגענומען. די סיבה איז אַ ריין ליטעראַרישע. אָבער אין די דאָזיקע ערשטע בריוו האָבן מיר שוין אַ סכעמע פון שפּעטער־דיקן פּרץ. ער באַרירט אין זיי אַלע וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס וועלן אים דאָס גאַנצע לעבן אינטערעסירן. אמת, דער צוגאַנג איז, בלי־ספק, משכיליש. עס איז נאָך אויך נישטאָ אין זיי זיין אייגנאַרטיקער סטיל, דער אויסדרוק פון זיין אימפּע־טיקן טעמפּעראַמענט. עס פעלט אין זיי די פּרעציזקייט,

5) ציטירט לויט זלמן רייזענס „לעקסיקאָן". אַ גרויסער טייל ביאָגראַ־פישע דאַטעס איז געשטיצט אויף דעם פּרץ־אַרטיקל אין דעם־אַ ווערק.

שלאָגנדיקייט פון וואָרט און אַרגומענט, די שאַרפקייט ביים אַרויסברענגען אַ געדאַנק, אַ אידעע, שטריכן, וואָס האָבן אים שפּעטער אַזוי כאַראַקטעריזירט. כאָטש דירעקט איז ער שוין יאָ און ברענגט קלאָר אַרויס וואָס ער טראַכט. נאָך אַ שטריך: די בריוו זענען לאַנג. האָט געהאַט אַ באַדערפעניש אויסצו־לעבן זיך אין שריפט. הגם ער זאָגט, אַז ער שרייבט צוליב זיך, פאַר זיין הנאה־וועגן. מיט דער צייט, אַז ער וועט שוין קומען צום אויסדרוק עפנטלעך, ווי אַ שרייבער, וועלן די בריוו ווערן קירצער, גרייכן אָפט אַזש ביז צו געציילטע ווערטער און בכלל ווערן זעלטענער.

אַלזוי, אין זיינע ערשטע בריוו צו שלום עליכמען איז סקיצמעסיק שוין דאָ כמעט אַלץ אָנגעוואָרפן. סיי די ענינים, פאַר וועלכע ער וועט קעמפן און זיי מעכטיק פאַרטיידיקן, סיי יענע, וועלכע ער וועט וועלן אויסוואָרצלען און זיי באַ־קעמפן מיט אַלע כחות. צווישן די ערשטע — בילדונג פאַרן פאָלק, וועקן דעם באַוואוסטזיין אינעם ייד, די ספּעציפישע לאַגע פון דער יידישער פרוי, פּראָבלעמען פון סאָציאַלער גע־רעכטיקייט, וועגן דער יידישער ליטעראַטור, יידיש; צווישן די צווייטע — קעגן אַסימילאַציע, אי ווען יידן קלייבן עס אויס ווי אַ מיטל פאַר אַ באַקוועמער און רואיקער לעבן, אי ווען די שכנים, די פעלקער, צווישן וועלכע ס׳קומט אונדז אויס צו וואוינען און לעבן, פאַרלאַנגען עס פון אונדז, אָן שום רעכט און באַרעכטיקונג דערצו.(6)

אין יענער צייט דרוקט ער אָפּ זיין ערשטע אַרבעט אין יידיש. ביי 37 יאָר איז פּרץ אַלט. דאָס איז זיין פּאָעמע־באַ־לאַדע „מאָניש״, געדרוקט אין שלום־עליכמס „פאָלקס־ביב־ליאָטעק״. דער עלוי און וואויללערנער מאָניש — דאָס איז

6) זע איז „בריוו און רעדעס״ די בריוו צו שלום עליכמען.

ער אַליין אַלס יינגל. דאָ שילדערט ער זיין היימישע סביבה פון דער קינדהייט, וואָס איז טיף איינגעוואָקסן אין אים. זי וועט זיך פון אים קיינמאָל נישט אָפּטאָן. דורך געשעענישן, פּערסאָנאַזשן, אידעען וועט זי קומען צום אויסדרוק לאַנג־לאַנג, אפשר שטענדיק.

פּרצעס דעבוט אין יידיש האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. אַ סך האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אויפגעקומען אַ נייער יונגער טאַלאַנט. ער קריגט אַנהענגער און קעגנער. אימפּאָנירט זיך. פון יענער צייט שטאַמט עס זיין באַקאַנטשאַפט מיט יעקב דינעזאָנען, וואָס איז דער שעפער פון סענטימענטאַלן ראָמאַן אין דער יידישער ליטעראַטור. צווישן דידאַזיקע צוויי שריפטשטעלער פאַרבינדט זיך אַן אינטימע פריינדשאַפט, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין ביידנס לעבן און האָט זיך געצויגן ביז פּרצעס טויט.

אין 1889 פאַרלירט ער דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט אַדוואָקאַטור; מוז דערפאַר פאַרלאָזן זאַמאָשטש. פאָרט קיין וואַרשע. פּרץ דרינגט דאָ גיך אַריין צווישן דער בעסערער יידישער אינטעליגענץ, ווערט די צענטראַלע פיגור און פאַרנעמט באַלד דעם אויבנאָן. מען לאַדט אים איין אָנטיילצונעמען אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע, וואָס עס אָרגאַניזירט דער באַוואוסטער עקאָנאָמיסט און פילאַנטראָפּ, דער משומד יאַן בליאָך, אויסצופאָרשן די יידישע פּרנסות, בכדי צו דערווייזן, אַז יידן זענען אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט. דאָס גיט פּרצן אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך גאָר נאָנט מיט יידנס לעבן, זייערע נויטן און באַדערפעניש. — דערנאָך באַקומט ער די שטעלע אין דער וואַרשעווער קהילה (גמינע), וואו ער וועט שוין אַרבעטן ביז צום טויט, נאָנט צו 25 יאָר.

ס'באַווירקן אים די פאָלקיסטישע און סאָציאַליסטישע

אידעען, און באַזונדערס די אידעי צו פאַרשפּרייטן בילדונג און קולטור צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן. דאָס האָט ער שוין פון לאַנג פאַר אַ ציל. ער קומט אין קאָנטאַקט מיט דער אַסי-מילירטער אינטעליגענץ, אויף וועלכער ער האָט אַ השפעה אַ דאַנק זיין פערזענלעכקייט. ער געווינט זיי פאַר זיינע פּלע-נער פון פאָלקסבילדונג. ער גיט זיך אָפּ מיט פּאָפּולאַריזירן נאַטורוויסנשאַפט און סאָציאָלאָגיע צווישן די פאָלקסמאַסן. דערוויל ווערט זיין וואוינונג אויף צעגליאַנע נ׳ 1 דער צענ-טער פון דער יידישער אינטעליגענץ און די אַלע, וואָס האָבן עפּעס וואָס צו זאָגן אויפן ליטעראַטור-געביט. פּרץ ווערט מדריך.

דער דאָן יונגער דוד פּינסקי פירט פּרצן אַריין אין די קרייזן פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג. ער רעדאַק-טירט דאָן אַ סך פאַרשידענע אויסגאַבן. רייסט פולשטענדיק איבער מיט די וואָרשעווער משכילים, טרעט שאַרף אַרויס קעגן זייערע טענדענצן, ברענגט בולטער אַרויס זיינע ראַדי-קאַל-סאָציאַליסטישע באַגריפן און אידעען, פאַר הומאַניזם. באַקעמפט די אידעי פון אַ מרכז רוחני, ד. ה. פון אַ גייסטיקן צענטער אין ארץ-ישראל. „צי קאָן עס געמאָלט זיין, — פרעגט ער, — אַז דער שטורקאָץ, ד. ה. דאָס פאָלק, זאָל זיין אין איין אָרט און דער פייער — די קולטור פונעם פאָלק — אין אַן אַנדער אָרט?” — אים איז דערווידער דער באַלעבאַטיש-קאָנ-סערוואַטיווער, רבניש-בטלנישער גייסט פון דער דעמאָלסטי-קער העברעישער ליטעראַטור. נישט געקוקט דערויף, דרוקט ער אָפּ אין העברעיש אין יענער צייט — 1894 — אַ ביכל לי-בע-לידער, וואָס רופן אַרויס ענטוזיאַזם.

פּרץ שרייבט אַ סך. באַגייסטערט, פיבערדיק. זיין וויר-קונג אויף די אַרבעטערמאַסן איז אין-לשערדיק. זיין נאָמען

ווערט ממש פאַרהייליקט ביי זיי, די יונגע יידישע סאָציאַ-ליסטן. זיינע „יום-טוב-בלעטלעך" ווערן אָפּגעוואַרט מיט אומ-געדולד. מען לייענט זיי אין די אַרבעטער-קרייזלעך און מען דיסקוטירט. ס'דינט פּונקט ווי פּראָפּאַגאַנדע-און אַגיטאַציע-מאַטעריאַל. אויף דער קאַנווע פון די יידישע יום-טובים, מנה-גים, טראַדיציעס ברענגט ער אויף זיין אימפּעטיקן ליטעראַ-רישן שטייגער סאָציאַלע, קולטורעלע, פילאָזאָפישע און עטי-שע אויפקלערונג. די אָרטאָדאָקסן און העברעיסטן ווערן צע-רייצט; באַקעמפן אים פאַרביסן.

צוליב צענזור-טעמים און מאַטעריעלע שווערִיקייטן ווע-רן לסוף די „בלעטלעך" אָפּגעשטעלט. אָבער פּרץ איז שוין ענג פאַרבונדן מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג. טרעט אָפט אַרוים מיט פאָרלעזונגען אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון „בונד". האַלט דאָרט רעפעראַטן, לאָזט נישט דורך קיין וויכ-טיקע קולטורעלע אונטערנעמונגען און ווערט צוליב דעם אַרעסטירט אין אויגוסט 1899. —

אַ נייער פּעריאָד אין זיין שאַפן הייבט זיך אָן מיט דער דערשיינונג פון „דער יוד". דאָ ווערט ער אַ גאַר נאָענטער מיט-אַרבעטער. אין דער צייט הייבט ער אָן שרייבן די חסידישע מעשות, אין וועלכע ער כשופט אַרוים די עטישע ווערטן און באַזינגט די ראָמאַנטיק פון חסידיזם, און די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואָס מאַכן אַ געוואַלדיקן רושם, און וואו ס'קומען צום אויסדרוק פּרצעס גייסט, די בענקשאַפט נאָך שיינקייט, דערהויבנקייט, די פאַראַכטונג צום וואַר-ווירקלעכן וואָכעדיקן לעבן, מיט די נישטיקייטן, קליינלעכקייטן, דער באַגער אויס-צוטון זיך דערפון און גרייכן צום לויטערן, שיינעם, אידעאַלן.

אין 1901, ל"ג בעומר, פייערט מען אין וואַרשע אויף אַ באַגייסטערטן שטייגער פּרצעס 50 יאָר לעבן און 25 יאָר

שאַפן, גערעכנט פון די ערשטע העברעישע שירים. אַלס מת־נה טראָגט מען אים אונטער אַ פולע אויסגאַבע פון זיינע ווערק. אויך אין העברעיש ווערן אַרויסגעגעבן זיינע „כת־בים”, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע.

פּרץ ווערט אַלץ באַרימטער. זיין ווירקונג אויף אַלע קרייזן, אַזש ביז דער אַסימילאַציע, איז אַן אומגעהויערע. די פּילזייטיקע, שטראַליקע און גאַנצע פּערזענלעכקייט אימפּאָ־נירט זיך. ער ווערט דער אָנערקענטסטער טאָנגעבער און וואָרטפירער אין דער יידישער ליטעראַטור. אַלע יידישע אויס־גאַבן זוכן זיין מיטאַרבעטערשאַפט; אויך די העברעישע. אין „פריינד” פאַרעפנטלעכט ער אין 1904 ווייטער זיינע „פאָלקס־טימלעכע געשיכטן”. איז כסדר אַלץ פאַראינטערעסירט אין פאָלקס-אויפקלערונג און פאַרעפנטלעכט באַאַרבעטונגען וועגן באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, כעמיע, פיזיאָלאָגיע. נאָכן דורכפאַל פון דער פרייהייטס - באַוועגונג אין רוסלאַנד, אַרבעט ער מיט כמעט אין אַלע אויסגאַבן, ווי די בונדישע, פּ. פּ. סישע, ציו־ניסטישע.

אין 1907 הייבט זיך פּרץ אָן פאַראינטערעסירן מיטן יידישן טעאַטער. צוויי צענדליק יאָר איז געווען פאַרווערט צו שפּילן טעאַטער אין יידיש. דעמאָלסט האָט מען פונקט אַראָפּגענומען דעם פאַרבאָט, וואָס האָט געשטערט זיין נאָר־מאַלע אַנטוויקלונג. פּרץ וויל דערהייבן דאָס יידישע טעאַ־טער פון דעם נידעריקן מצב צו דער מדרגה, אַז עס זאָל באַ־פרידיקן דעם געשמאַק פון דער יידישער אינטעליגענץ און נישט בלייבן הינטערשטעליק לגבי דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור. יאָרנלאַנג אַרבעט ער אַקטיוו דורך וואָרט, שריפט און טאַט. גיט זיך אָפּ מיט אַמאַטאָרן, העלפט דעם טעאַטראַל און רעזשיסער דוד הערמאַן, די דראַמאַטורגן ווײ־

טער און הירשביין, וואָס פירן אָן מיט יונגע ליבהאָבער טרופּעס.

אין 1908 באַטייליקט ער זיך אין דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, וואָס האָט פאַר אַ ציל „צו פּראָקלאַמירן אונדזער יידיש אַלס גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן",7) ס'הייסט: זי דערקלערן פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. פּרץ ווערט געוויילט אַלס וויצע-פּרעזידענט. דאָ האַלט ער זיין רעדע, אין וועלכער ער ברענגט אַרויס זיין קוק און באַציאונג צו יידיש און דער יידישער ליטעראַטור. נאָך אַ סך פריער, אין יאָר 1889, ווען פּרץ שטעלט קוים די ערשטע שריט אין דער יידישער ליטעראַטור, שרייבט ער וועגן יידיש אין אַ העברעישן בריוו צו שלום עליכמען: „איך קוק נישט אויפן „זשאַרגאָן" ווי אויף אַ כלי שני און נישט ווי אויף אַ פאַר-מיטלונג, וואָס גייט אַריבער. איך וויל, עס זאָל ווערן אַ שפּראַך". (בריוו און רעדעס, ז. 41). אָבער זייט דאַן האָט זיך זיין בליק צעוואַקסן, אין אָנקלאַנג מיט זיינע אָנשויאונגען פון דער צייט. זיין קאָנצעפּט איז קלאָר. צווישן די „פאַרשיידענע שפּראַך-טענער, אַלערליי פעלקער-מוזיק, ווילן מיר ...אונדזער זעלבשטענדיקן מאָטיוו אין דער פעלקער סימפאָניע". „מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און אָפּפערן יעדן מולך-שטאַט זיין בראָקן; איין פאָלק יידן, זיין שפּראַך איז — יידיש". „און אין דער שפּראַך ווילן מיר אונדזער אוצר זאַמלען, אונדזער קולטור באַשאַפן, אונדזער נשמה וויטער וועקן, און קולטורעל זיך פאַראייניקן צווישן אַלע לענדער און אין אַלע צייטן".8)

נאָך בולטער ברענגט ער אַרויס זיין קוק אויף דער יידי-

---

7) „בריוו און רעדעס", זייט 249.
8) „בריוו און רעדעס", זייט 249.

שער שפראַך אין אַ רעפעראַט בעת דעם טור נאָך דער קאָנ־
פערענץ: „מיר האָבן צוואר אונדזער אַלטע העברעישע קול־
טור־שפראַך, וועלכע האָט פאַר זיך אפשר אַ צוקונפט; זי קען
אָבער אוממעגלעך פון היינט אויף מאָרגן ווערן אַ פאָלקס־
שפראַך, און דאָס פאָלק באַדאַרף שוין היינט אַן אייגענע
שפראַך, כדי נישט מיטגעריסן צו ווערן מיט דעם שטראָם פון
דער אַסימילאַציע. מיר מוזן זאָרגן פאַר דעם היינט אויב מיר
ווילן דערלעבן דעם מאָרגן".(9) — הלואי וואָלטן אונדזערע
העברעיסטן און יידישיסטן פאַרשטאַנען אין דער פולער
ברייט און טיף דעם באַדייט פון דידאַזיקע ווערטער און אויך
פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע אויף דער קאָנפערענץ לגבי
יידיש. ס'וואָלט אפשר געווים אויסגעמיטן דעם ריס אין אונ־
דזער קולטור אויף אונדזערע ביידע שפראַכן און נישט דער־
גאַנגען צו דער צעטיילונג אויף פיינדלעכע צוויי צדדים. נאָר
אָנשטאָט רואיקער איבערטראַכטונג און פאַרשטענדעניש
הערשט ביי אונדז תמיד איבערגעאיילטקייט און פאַרביסנ־
קייט. —

דידאַזיקע אידעען וועט ער שפּעטער שוין כסדר איבער־
חזרן און פאַרשטאַרקן אין אַרטיקלען, עסייען און רעפעראַטן
אין די גרעסערע יידישע צענטערס פון פוילן, ליטע, רוסלאַנד
און אויך אויסלאַנד. זיינע אַרויסטריטן פלעגן ווערן פאַרוואַנ־
דלט אין באַגייסטערטע מאַניפעסטאַציעס פאַר יידיש, דער
יידישער ליטעראַטור און קולטור און פאַר זייער פלאַמיקסטן
פאַלאַדין, ס'הייסט פרצן גופא.

י. ל. פרץ האָט געהאַט אין זיך דאָס פייער פון אייבי־
קער יונגקייט. דער ענטוזיאַזם, די התלהבות, איז קיינמאָל
נישט קילער געוואָרן. אַדרבה, נאָך געשטיגן. און מיט דעם־

9) „בריוו און רעדעס", זייט 251.

דאָזיקן יוגנט-ברען, דערדאָזיקער באַגייסטערונג און ליידנשאַפֿט האָט ער געטאָן אַלץ צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט און אין וואָס ער איז געווען פֿאַראינטערעסירט. פֿאַקטיש איז ער פֿאַרבונדן מיט אַלץ, וואָס האָט נאָר צו טאָן מיט יידיש לעבן. „מיט מיין גאַנצער סימפּאַטיע צו די ראַדיקאַלע קרייזן, שעם איך מיך נישט מיט כלל ישראל און אַרבעטן וויל איך פֿאַר כל ישראל".10)—שרייבט ער אין אַ בריוו צו יעקב דינעזאָנען. — איז פֿול מיט איניציאַטיוועס. פֿאָרזיצער פֿון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט".

אין 1911 פֿלאַקערט אויף אין פּוילן דער אַנטיסעמיטיזם אונטער דער לאָזונג „קעגן די ליטוואַקעס", וואָס אייגנטלעך זענען עס „די אַלע, וואָס קענען נאָך עברי, און די אַלע, וואָס שעמען זיך נישט מיטן ביסל עברי..."11); און דערנאָך דער באָיקאָט אויף יידן. נישט ווייניק האָבן דערצו גורם געווען די אַסימילאַטאָרן אין זייער פּרעסע. דאַן אַנטוויקלט פּרץ אַן אינטענסיווע פּובליציסטישע טעטיקייט אין „פֿריינד". פֿאָדערט ביי די פּאָליאַקן גלייכהייט און גלייכבאַרעכטיקונג. „דער פּוילישער קריסט מוז זיך געוויינען צום געדאַנק, אַז עס איז פֿאַראַן אין לאַנד אַ פּוילישער ייד". „אַז דער פּוילישער ייד האָט דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ, אויף זעלבסט-באַשערונג, און אויף אַ גלייכער דעה אין אַלעם, וואָס איז שייך צום לאַנד אין דער געגנוואַרט; און אַז ער וויל און מוז אויך צוגעלאָזט ווערן צו דער אַרבעט ביים בויען די פֿרייע צוקונפֿט פֿון לאַנד". „אַז פֿאַרלאַנגען אָפּפֿער פֿון פּוילישן ייד, קאָן מען נאָר אין נאָמען פֿון פּוילישן לאַנד, און די וועט ער גערנוויליק און

10) „בריוו און רעדעס", זייט 160.

11) אַלע ווערק פֿון י. ל. פּרץ, באַנד 11 „געדאַנקען און אידעען". ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין. זייט 11.

פרייהערציק געבן, און מיט גרויס פרייד״...12) „ווילט איר אָבער אונדזער מיטאַרבעט נישט, ...איר וועט אונדז אַרויס־שטויסן, מיר וועלן זיך ווערן; ווערן מיט דער גאַנצער קראַפט פון אונדזער ראַסן־איינגעשפּאַרטקייט.13)

פּירט ספּעציעל אַ קאַמף און טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער „לייכטזיניקער, פּאַרקויפטער, שווינדזיכטיקער, אָפּטרי־ניקער, פּחדנישער און פאַררעטערישער״ יידיש־פּוילישער אַסימילאַציע. רעדט האַרבע רייד צו זיי. „די נשמה איז אויס־געוועפּט, — מיט טרוקענע ווערטער קאָן מען צו דער וועלט נישט קומען, — באַהאַלט איר אייך מיט אייער יידישקייט פאַר דער וועלט!״14) „מיר ווילן אַנטוויקלען דאָס היימישע און אייגנאַרטיקע, איר הייסט עס אַרויסוואַרפן און נעמען פרעמד פייער צום מזבח...״ 15). ווייזט זיי זייער ריכטיק אָרט און ווערט. גיט זיי עצות, וואָס זיי זאָלן טאָן, וויבאַלד זיי ווילן טאַקע אינדעראמתן צוריקקומען. הייסט זיי שווייגן, נישט קריטיקירן, איידער זיי באַקענען זיך מיט אונדזערע דערגריי־כונגען. „און — פאַרגלייכט! נישט קיין גאַנצע פופציק יאָר אַרבעטן מיר, פאַרגלייכט דעם פאָרשריט, וואָס אונדזער קליי־נע יונג־יידישע ליטעראַטור האָט געמאַכט, מיט דעם פאָר־שריט פון אַנדערע רייכע ליטעראַטורן, פון רייכע זעלבשטענ־דיקע פעלקער אין דערזעלבער צייט!״16) און פאָדערט זיי אויף, אַז — וואָס פאַר אַ כוונות זיי זאָלן נישט האָבן מיטן כלומרשטן אומקערן זיך צו אונדז; זאָלן זיי פריידיקן וואָס זיי

12) „געדאַנקען און אידעען״, זייט 173. אנשטאַט פּויליש קען מען דאָ אַוועקשטעלן וואָס פאַראַ נאָמען פון אַ פאָלק צו לאַנד איר ווילט. עס ענדערט זיך אַבסאָלוט גאָרנישט דערמיט.

13) „געדאַנקען און אידעען״, זייט 112.

14) „געדאַנקען און אידעען״, זייט 87.

15) „געדאַנקען און אידעען״, זייטן 16-15.

16) „געדאַנקען און אידעען״, זייט 18.

ווילן — נאָר זאָלן זיי ריידן מיט דרך־ארץ צום פאָלק. נישט וואַגן נידערשעצן און דערנידעריקן. „דרך־ארץ פאַרן אַלטן, פאַרן עלטסטן פאָלק...", וואָס איז „אַ לאַנגע, לאַנגע שנור פון דורות קעמפער, קעמפער ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַר אײ־בערצייגונגען!" „דרך־ארץ פאַר אַ פאָלק, וואָס זיין געשיכטע איז די איינציקע העראָישע וועלט־טראַגעדיע: אַן עפּאָכע פון מסירת־נפש, קדוש־השם און די אוממענטשלעכסטע פּיין און ליידן פאַר דער אידעע!"(17) ...„בויגט די לייכטע קעפּ פאַרן אייביקן קעמפער, פאַרן אייביקן פאָלק! — צו דער ערד!"(18)

זיינע אַרויסטריטן קעגן דער אַסימילאַציע פאַראורזאַכן אַ קאָנפליקט צווישן אים מיט דער „גמינע", וואו ער אַרבעט. די סביבה דאָ פון די חסידיש־אַסימילאַטאָרישע גבאים איז תמיד געווען פאַר אים דערדריקנדיק, און אים בכלל אַ סך גע־שטערט אין זיין שעפערישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איצט נאָך מער. קיינער אָבער וואַגט נישט אַרויסצוטרעטן קעגן דעם באַליבסטן נאַציאָנאַלן דיכטער און פאָלקספירער.

ס'קריסטאַליזירן זיך אויס זיינע נאַציאָנאַל־פאָלקיסטישע אידעען. ווערט כסדר אַלץ ענגער צונויפגעבונדן מיט דער מאָ־דערנער יידישער קולטור־באַוועגונג, וואָס ווערט אָנגערופן יידישיזם.

ווען די „יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט" ווערט גע־שלאָסן מצד דער רעגירונג, טרעט פּרץ אַריין אין „הזמיר", און פאַרוואַנדלט זי אין דעם איינציקן וויכטיקן קולטור־צענ־טער אין וואַרשע. זיינע רעדעס אויף די „קעסטל־אָוונטן" ציען צו אַלע ערנסטע מענטשן. — דאָן אינטערעסירט ער זיך מיט דער יידישער עטנאָגראַפיע, יידישער קונסט, שטיצט די

17) „געדאַנקען און אידעען", זייט 27.
18) „געדאַנקען און אידעען", זייט 28.

יונגע פּלאַסטיקער, רעדט וועגן גרינדן אַ יידישן מוזעי, אַגי־טירט פֿאַר אַן אַלגעמיינעם יידישן קאָנגרעס, פּלאַנט אַ צענט־ראַלן ליטעראַרישן זשורנאַל. נאָך אין יאָר 1909 שרייבט ער צו דינעזאָנען: „איך האָב געדענקט אָראָפּצוכאַפּן זיך קיין אַמעריקע אויסצופֿירן מיין אַלטן פּראָיעקט, פֿון וועלכן איך האָב אין טשערנאָוויץ אַזוי פֿיל גערעדט, נעמלעך צו גרינדן אַן אַלגעמיין יידישע אויסגאַבע פֿאַר אַלע יידישע גערנווילי־קע און נישט גערנוויליקע געטאָם (....). און אומפּאַרטייאיש זאָל די אויסגאַבע זיין, נאָר ליטעראַטור און קולטור געוויד־מעט".19. — הייבט זיך אָן פֿאַרנעמען מיט דער איבערזע־צונג און איבעראַרבעטונג פֿון די מגילות. וואָס ער רייסט נישט איבער ביזן טויט. —

אין 1912 קומט אין אים פֿאַר אַ טיפֿער אינערלעכער קאַמף. ס'וועקן זיך אין אים אויף שטימונגען פֿון „צוריק אין שול אריין". אָבער נישט אוים פֿרומקייט, גאָטספֿאַרכטיקייט, נאָר מחמת אים איז דערווידער „דאָס ביליקע, גראָשנדיקע שונד־אפּיקורסות" (ז. 216) 20) פֿון דער מאַסע־יוגנט. ער מוסרט און שטראָפֿט זי: „איר זייט נישט איבערן רעליגיעזן געדאַנק, נאָר אונטער אים... איר זייט קיין איבערצייגטע אפּי־קורסים נישט; איר גלויבט אין אפּיקורסות. איר האָט קיין העכערע וועלט־אַנשויאונג נישט געפֿונען. איר האָט צעשטערט אין זיך דאָס אײדעלע און שיינע און ווילט עס נאָך אויסוואָרצ־לען, נישט האָבנדיק קיין בעסערן זוימען צו פֿאַרזייען..." „ווייסט ווילט איר ווערן..." (ז. 213). „די הילצערנע, עם־האָרצישע זיכערקייט" (ז. 216) עקלט אים. ער פֿאַרלאַנגט

---

19) „בריוו און רעדעס", זייט 159.

20) „געדאַנקען און אידעען". אַלע ציטאַטן אין דעם אָפּזאַץ זענען גע־נומען פֿון זעלביקן בוך. די ציפֿער אין קלאַמערן באַצייכענען די זייטן.

דערהויבנקייט. די אַרבעטנדיקע און קעמפנדיקע יוגנט דאַרף וויסן, אַז „די אידעע, אַז עס איז פאַראַן עפּעס העכערס, פאַר וועלכע אַ מענטש דאַרף זיך אַמאָל אָפּשטעלן, אויף די קניען פאַלן און זאָגן: איך האָב געזינדיקט, און וועל נישט מער; איך נעם דעם וועג, שטייגנדיק, צו דיר... די אידעע איז נישט קאָנסערוואַטיוו, נישט קעגן פּראָגרעס און קעגן דעם אַלעס, צו וועלכן איר שטרעבט!" (ז. 213). זאָל די יוגנט נעמען מיט זיך אונדזערע הייליקע ספרים. זי וועט אין זיי געפינען באַ־קרעפטיקונג פאַר אירע אַספּיראַציעס און צילן, און פאַרטיי־דיקונג פאַר די גערעכטע פאָדערונגען. „בלעטערט דאָס תנכל דורך, און זעט: צי איז דאָ ערגעץ אַ געבאָט, איר זאָלט הונ־גערן? צי האָט גאָט ערגעץ אָנגעזאָגט, אַ מענטש זאָל פרירן פאַר קעלט?" „און קומט צום נביא צו, און הערט זיינע רייד: צי שטימען זיי נישט מיט אייערע געוואַלדיקסטע האָפענונ־גען, בריייטסטע און וויטסטע חלומות?". „און דאָס סידורל עפנט, — צי בעט עס נישט אייער געבעט?" (ז. 214).[21]

פרץ רייסט איבער מיטן „פריינד", אין וועלכן ער זעט נישט קיין שום פּאָזיטיוון אידעאַל, און טרעט אַריין אין „היינט". דאָ האָט ער אַ גרעסערן און ברייטערן קרייז לייע־נער. אָבער די אידעאָלאָגיע פון דערדאָזיקער געלער צייטונג איז אים אַבסאָלוט פרעמד, נישט צום האַרצן. און ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון זיינע תמידיקע אָנשויאונגען, פאַר וועלכע ער רעכנט זיך איינצושטעלן ביזן לעצטן אָטעם־צוג. פירט דעריבער אַ באַזונדער אָפּטיילונג „אין מיין ווינקעלע", וואו ער באַרירט ענינים, וואָס זענען אים שטענדיק געווען אייגן. „איך בין געשטאַנען, שטיי און רעכן ביזן לעצטן אָטעם־צוג צו שטיין אין די רייען פון די קעמפער פאַרן פאָרשריטלעכן

---

21) „געדאַנקען און אידעען".

ייִדישן געדאַנק"[22]. מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין קלאָר פּרצעס צוגאַנג און בליק אויף זאַכן. קאָנסערוואַטיזם איז פאַר אים אַזוי וויכטיק ווי פאָרשריט. „דאָס קאָנסערוואַטיווע איז דער שטאַם, וואָס טרייבט צווייגן, בלעטער און בליטן אַרויס; ער איז עס וואָס גיט די פּרוכט! ער איז דערווייל דאָס באַשטענדיקע, — דאָס אייביקע" (ז. 246). קאָנסערוואַטיזם און פאָרשריט דאָס איז זאַץ און קעגנזאַץ, — „וואָס איז לעבנספּעאַיקער? באַזונדער גענומען, זענען ביידע נישט לעבנספּעיק. צוזאַמען, אין אייביקן קאַמף, זענען זיי דאָס לעבן, דער פּראָצעס, וואָס באַשאַפט דעם סינטעז, דעם הכתוב השלישי — דאָס נייע לעבן, וואָס ווערט ווייטער אַ פּסוק, באַקומט באַלד זיין קעגנזאַץ און טראָגנדיק ווערט דאָס לעבן מיט אַ נייעם סינטעז, און עס קומען נייע געבורטווייען, דער נייער קאַמף" (ז. 241). בכן, „זאַץ און קעגנזאַץ — ביידע באַזונדער גענומען, זענען נישט לעבנספּעאיק... לעבן איז קאַמף; לעבנספּעאיק איז דער סינטעז"... (ז. 248).

ס'ווערט אים לסוף אין „היינט" צו־ענג. אין 1913 טרעט ער צוריק אַריין אין „פריינד". — אַרבעט אַקטיוו אין דער וואַל־אַקציע צו דער 4־טער דומע, פיגורירט אַלס וואַלמאַן; מע פּלאַנט אַפילו אַרויסצושטעלן אים פאַר קאַנדידאַט אויף דעפּוטאַט. —

די אַנטיסעמיטישע העצערייען מצד פּוילישע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, דער ווילדער קאַמף קעגן ייִדן און דער עקאָנאָמישער באָיקאָט אויף זיי, דערדריקן פּרצן אומגעהויער. נאָך שאַרפער ווערט דידאָזיקע שטימונג מיטן אויסברוך פון

22) „געדאַנקען און אידעען", זייט 243. אַלע ווייטערדיקע ציטאַטן אינעם אַפּזאַץ — פון זעלביקן בוך.

דער מלחמה. די פאַרפאָלגונגען, היימלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, עלנט פון די פאַריאָגטע פון די יידישע שטעטלעך, טרייבן אים אַריין אין יאוש-שטימונגען. זיינע הויכע אידעאַלן זעט ער אַראָפגעשליידערט צו דער ערד, צעטראָטן. — פרץ וואַרפט זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער אַקציע צו העלפן די אומזיסט-ליידנדיקע, פאַרפאָלגטע. פאַרוואַנדלט דעם „הזמיר" אין אַ מקום-מקלט פאַר די היימלאָזע. מער פון אַלץ אינטערעסירט אים דער גורל פון די קינדער. דאָ ווידער זיין אייביקער טרוים: פאָלקס-בילדונג. אָבער איצט שוין אָנגעהייבן פון שורש אָן, פון דער קינדהייט גופא. ווייל דאָס קינד איז דער מאָרגנדיקער מענטש, באַלעבאָס און אָנפירער מיט דער וועלט-באַלעבאַטישקייט. מוז עס זיין צוגעגרייט דערצו. און וויבאַלד נישט — „אָן בילדונג, נישט צוגעגרייט צום לעבן, נישט באַוואָפנט מיט טעכניש וויסן, קאָנען מיר אין קאַמף פון לעבן קיינעם נישט ביישטיין".23) — שאַפט קינדער-לידער, וואָס פעלן נאָך לחלוטין אין יידיש. די-דאָזיקע לידער זענען אַזוי עכט קינדיש, לעבעדיק, זאָרגלאָז, פריידפול, אַז מ'קען נישט אַנדערש ווי באַוואונדערן זיי. —

די אַלע גרוילהאַפטע געשעענישן, שווערע איבערלעבונגען, איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען רואינירן פרצעס געזונט, וואָס איז שוין אָנגעגריפן פון לאַנג. און שבת, דעם דריטן טאָג חול המועד פסח, האַלב ניין אַזייגער אינדערפרי, שטאַרבט ער פלוצלינג פון אַ האַרץ-אַטאַקע. דער מלאך-המות האָט אים געטראָפן זיצן ביים שרייב-טיש פאַרטאָן מיט פאָטערלעכער באַזאָרגטקייט אין שאַפן יניקה פאַר זיין קליינ-

23) „געדאַנקען און אידעען", זייט 244.

וואַרג. איבערגעריסן אים אינדערמיט פון דער אַזוי גויטיקער אַרבעט, אָבער זיך מרחם געווען אויף פּרצן גופא. — ס'האָבן זיך געעקט אַזוי אַרום פאַר אים די יסורים, מיט וועלכע ער איז געווען אַזוי איבערגענומען.

איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז איך וויל סקיצמעסיק וואַרפן שיין אין איין ריכטונג אַריין, דאָרט-אַהין, וואו איך גלויב, אַז עס שטעקט פאַקטיש פרצעס תוך, תמצית, און דורך וואַנען עס קומען דורכאויס, פולשטענדיק, צום אויסדרוק דער מהות, געדאַנקענגאַנג, לעבנספילאָזאָפיע און הויך-דערציערישמאָראַלישע באַגריפן פון דער עטישער פערזענלעכקייט יצחק לייבוש פרץ.

אַלזוי, מיר זענען ביים ציל.

פרץ האָט פראַקטיצירט און פראָפאַגירט, בעסער געזאָגט: געלעבט און זיך איינגעשטעלט פאַר די אַלטע יידישע קולטור-ווערטן, די גוטע יידישע מידות, וואָס מיר נעמען איבער בירושה פון דור צו דור זייט יאָרטויזנטער. — געשטיצט אויף זיי און דורך זיי, וועלן מיר, דאָס אייביקע פאָלק, דאָס וועלט-פאָלק, געבן דער מענטשהייט דאָס, וואָס מיר האָבן פאַר אַ מיסיע איר צו געבן. ער זאָגט: „אויפסניי מוז אויפבליען יידיש לעבן, די ביבל מוז געטראָגן ווערן צום פאָלק אַלס זאָמען; די יידישע פאָלקסטימלעכע סימבאָלן און לעגענדן, אויפסניי אויפגעפרישט, וועלן זיין טוי און רעגן!"24)

דאָס שרייבט ער אין 1911. אָבער נאָך מיט אַ פאָר צענד-

---

24) אַלע ווערק פון י. ל. פרץ, באַנד 17 — „אין מייז ווינקעלע". 1926. ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין. זייט 93.

ליק יאָר פריער, אין 1890, זאָגט ער שוין ענלעכס אינעם פאָר־וואָרט צום ערשטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק", דאָס פראָג־ראַם־אַרטיקל „בילדונג": „דאָס תנכל איז דער אוצר פון אונ־דזער אמונה, פון אונדזער נאַציאָנאַליטעט, פון אונדזער עטיק (מוסר)! מען דאַרף זען, עס זאָל זיין ביי יעדן ייד, נישט נאָר אין שראַנק, נאָר אויך אין האַנט, אין האַרץ, און אין מח..." פאַרוואָס? „מיר ווילן אייביק לעבן, און אייביק איז נישט צו באַרעכענען, עס טוישן זיך די צייטן, עס טוישן זיך טעג און נעכט... מאָרגן קאָנען מיר ווייטער קומען צו גרויסע נסיונות. דעמאָלט קאָן אונדז נאָר דאָס תנכל מוט געבן און כח". „און עס איז ווייניק, אַז אונדזער עטיק שטייט העכער שוין טויזנטער יאָרן. מען דאַרף, אַז יעדער פון אונדז זאָל פילן און וויסן, פאַר וואָס און מיט וואָס זי שטייט העכער!"25)

אָבער דאָס אַליין וועט שוין דערנאָך, אין יאָרן אַרום, פאַר פרצן נישט זיין גענוג. מיט דער צייט וועט ער אינדער־אמתן טרוימען וועגן אַ „קינפטיקער מענטשהייט, וואָס וועט באַשטיין פון איינצלנע פרייע, זעלבשטענדיקע און אייגנאַר־טיקע פעלקער"26). און אויף יידן פאַלט דער גורל צו דער־נענטערן די גאולה. פאַרוואָס עפעס אויף אונדז? מחמת דער ספּעציפישער לאַגע פון די יידן אויף דער וועלט און וויל „מיר זוכן דאָס אייביקע. דעם „תוך", דעם „עצם־ענין". יידיש־קייט איז די יידישע וועלט־אַנשויאונג", וואָס דאָס איז „די וועלט־אידעע, וואָס זוכט איר פאַרקערפּערונג אין דער מאַ־טעריע, אין דער געשטאַלט, אין וועלכער זי שלאָגט זיך אָפּ אין דער יידישער נשמה"27).

25) „אין מיין ווינקעלע", זייט 100־101.
26) „געדאַנקען און אידעען", זייט 7.
27) „געדאַנקען און אידעען", זייט 69.

נאָר מען דאַרף פאַרשטיין, אַז „צוריק צו דער ביבל" מיינט נישט: בלייבן שטיין ביי דער ביבל. „יידישקייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, קיין זומפּ. „מים חיים" רופט מען זי, די תורה". „יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש — אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט: איבעראַל אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און אין אַלע צייטן; קיין איינציקן עכט-יידישן מאָמענט נישט אויסגעמעקט".(28)

און יידישקייט שאַפן אַלע די, וואָס בילדן די איינהייט פונעם פאָלק. דאָ זענען נישטא חל קיין קלאַסן, קיין מדרגות, קיין אויסנאַמען. אַלע שיכטן פון פאָלק, די געבילדעטע און עמי-הארצים, אַלע שטאַנדן, יעדער ווי ער קומט צום אויסדרוק און אַלע צוזאַמענגענומען. „מען מוז נאָר אָפענע אויגן האָבן אום צו זען, אַז די בלינדע, רעליגיעזע פּראַקטיק, די עם-הארצישע באַציאונג צו מצוות און עבירות, דער פחד און דרך-ארץ צום לענגער געדרוקטן וואָרט אין דער נידעריקער שיכטע פון פאָלק; — די לומדיש באַשטראַלטע עבודה, דאָס באַוואוסטזיניקע קיום המצוות און אָפּהיטן פון עבירות און דאָס רבנישע תורה-לערנען; — די נאַקעטע נשמה, די, פון „גוף המצוה", פון סימבאָל אויסגעטיילטע קאַבאַליסטישע כוונה, דאָס הוילע, חסידישע רוחניות, און — די ריינע פילאָזאָפיש-מאָניסטישע וועלט-אַנשויאונג ביים ווירקלעך יידישן אינטעליגענט — אַז דאָס אַלץ איז איין יידישקייט, אַ גרעבערע אָדער אַ פיינערע אויסשטראַלונג פון דער יידישער נשמה..."(29)

28) „געדאַנקען און אידעען", זייט 62.
29) „געדאַנקען און אידעען", זייט 63.

מ׳טאָר דעריבער „אין ערגעץ פאַרשטיינערט, אין ערגעץ נישט פאַרגליווערט ווערן; אין ערגעץ דעם פאָדים נישט אי־בעררייסן, נאָר אַלץ ווייטער און ווייטער שפּינען. און האָט מען, ערגעץ־וואו, דעם פאָדים אָפּגעלאָזט, צוריקגיין, אויפנע־מען און ווייטער שפּינען אַלץ ווייטער און ווייטער שפּינען, אייביק אין די דורות אַריין שפּינען און וועבן און איבעראַל, מיט אַ ליכטיקער נעץ די וועלט פאַרנעמען!...״(30) דאָס וועט פירן דערצו, אַז „אויפלעבן וועט דאָס פאָלק, אויפוואַכן צום ליידן פאַרן אמת און צום פעסטן גלויבן אין זיין זיג!...״ און דערפאַר: „אויפגעהויבן מוז ווערן די פאָן פון יידישן רענע־סאַנס, פון **משיח און וועלט־משפט, און וועלט־באַפרייאונג** — פון דער קינפטיקער פרייער מענטשהייט!״(31) מיר דאַרפן ברענגען משיחן. — דאָס איז אונדזער מיסיע, „די מיסיע פון אייביקן פאָלק, פון וועלט־פאָלק״. „מיר וועלן אים ברענגען, מיר, די שוואַכסטע, די מאַרטירער פון גאָטס נאָמען!״(32)

איז קלאָר, דעריבער, אַז פּרץ טרעט שאַרף אַרויס קעגן די, וואָס שטיצן זיך בלויז אויף חומש מיט רש״י און דאָס איז די גאַנצע בילדונג זייערע, דער גאַנצער באַגאַזש. ווער ס׳באַקומט נישט איבערהויפּט מער וויסן — איז דאָס פאָלק. מער ווי חדר און תלמוד־תורה קוקט עס נישט אָן. און פאַר פּרצן איז דאָס ריין יידיש וויסן, דאָס תמציתדיקע, ווי דער וואָרצל פאַר אַ בוים. אָבער דער בוים זאָל זיין אַ בוים, איז נישט גענוג וואָרצל אַליין. ער דאַרף אויך האָבן אַ שטאָם און אַ ברייט און שטאַרק צעצווייגטע און באַבלעטערטע קרוין. „וואָרצלען אָן שטאָם, צווייגן, בלעטער און בליטן, זע־

(30) „געדאַנקען און אידעען״, 63.
(31) „איז מיין ווינקעלע״, זייט 93.
(32) „איז מיין ווינקעלע״, זייט 91.

נען קיין בוים נישט, גאָר אַן איבעריק איבערבלייבעניש פון א געוועזענעם בוים".33) — ער ווייזט אָן וואָס פאַר אַ פּראָדוקט יידישן מענטש עס גיט אַרויס אַזאַ חומש מיט רש"י-צוגרייטונג. דאָס איז אייגנטלעך די גאַנצע יידישע מאַסע: צעבראָכענע, פאַראומגליקטע, שפּלע, ווילנסלאָזע.

אָבער נאָך שאַרפער טרעט ער אַרויס קעגן די, וואָס וואַרפן כלל אָפּ די גערירשנטע קולטור-יידישקייט, פאַרגעסן די אייגנאַרט, וואָס האָט אונדז שוין אָנגעהייבן אויסטיילן אין טיגל בעתן שמעלץ און ערשטע שפּור-אָנהייבן פון דעם, וואָס רופט זיך שפעטער יידיש פאָלק. זיי גייען אַוועק זוכן יניקה, שפּייז, אין גוישע קיכן. און דידאָזיקע פאַרפרעמדטע אינטעליגענץ, זי איז אפשר דער גרעסטער אומגליק פאַר אונדז. — „עס מוז באַשאַפן ווערן אַ נייע יידישע אינטעליגענץ, וואָס זאָל קולטיווירן אייגענע ווערטן און פריי באַוועגן דאָס פאָלק!"34) יידישקייט, ס'הייסט: יידישער שטייגער, גייסט, מאַניר, אויפפאַסונג, געדאַנקענגאַנג וועלט-אָנשויאונג — איז „אונדזער איינאיינציקער וועג צום — מענטש. צום געטלעכן מענטש, צום מענטשלעכן גאָט; צום איבער-מענטש".35)

דאָ קומט מיר אויפן זכרון דער דיאַלאָג צווישן די צוויי ישיבה-בחורים אין „ווענוס און שולמית". ווי כאַראַקטערים-טיש עס איז דאָס אָפּווערן זיך, פאַרטיידיקן זיך פונעם פאַרגלייך מצד אייגנעם פון זיי! זיינע אַרגומענטן זענען טאַקע נאַיוו, אָבער וויפל מענטשלעך געפיל איז דאָ אין זיי, וויפל

33) „איז מיין ווינקעלע", זייט 82.

34) „איז מיין ווינקעלע", זייט 93.

35) „געדאַנקען און אידעען", זייט 62.

אויפריכטיקייט און ערלעכקייט, און ווירדע! — דאָ קומט טאַקע צום אויסדרוק יידישער תוך, תמצית.

און טאַקע, דאָס אַנטקעגנשטעלן ווענוס מיט שולמית — איז האפּטלאָז. האָט נישט קיין זין, בעסער געזאָגט. ווענוס, די פּרעכטיקע שיינהייט, מיט די געטלעך-האַרמאָניש-אויסגע־טאַקטע גלידער, איז סקולפּטור, קאַלטער שטיין. במילא: נישט שעפּעריש. נאָך מער — עקרדיק. זי איז בלויז אויף אָנצוקוקן, צו באַוואונדערן פון ווייטן און אויך — אַרויסצורופן זינדיקע געדאַנקען. די מיטאָלאָגישע דערציילונגען וועגן איר לעבן און אויפפירונג אין מענטשלעכער פאַרוואַנדלונג, זענען עקל־האַפט. די געטין פון ליבע וואָלט גיכער געמעגט הייסן די געטין פון זנות, מאָרד, רציחה. — אַזאַ סאָרט טיפּ פרוי האָט ביי יידן נישט געקענט אויפקומען, ביי היידן, געצנדינער — יאָ. די פון דער זון פאַרברענטע און אפשר מגושמדיקע שול־מית, דאַקעגן, איז מענטשלעך. מיט היים שטראָמיק-פליסנדיק בלוט אין די אָדערן, מיט רויטע בריאיקע ליפּן און מיט שוואַרצע צניעותדיקע אויגן; האָט הענט, וואָס קלאַמערן אַרום מיט איבערגעגעבנקייט שוין אויף אייביק, און פון ליבע־עקסטאַז קען אַרויסקומען יענע פרוכט, וואָס איז אייגנט־לעך דער בראשיתדיקער און וויכטיקסטער אורשפּרינגלע־כער און אייביקער געבאָט פון דער נאַטור און דער געטלעכ־קייט: פּריה ובריה. מיר גופא טאַקע. — פאַרוואָס זיך פאַר־כליניען פאַר נישט אונדזערס, עקרדיקס, סטערילס, און דער־ווייל זיך פאַרגעסן אָן זיך אַליין? —

ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען די ווייבלעכע פּערפעקט־קייט פון קאַלטן מאַרמאָרשטיין צו פאַראייניקן, האַרמאָניש־פאַרשמעלצן מיט דער שולמיתדיקער לעבנס-פולבלוטיקייט און צניעות — אדרבה ואדרבה. אָבער ווייבאַלד נישט — לאָ־

מיר בעסער פֿאַרבלייבן מיט אונדזער באַשיידענעם וועזן, דעם עניוותדיקן, פשוטן, אָבער לעבעדיקן און וואָס קען ברענגען ריין, פשוט און עכט נאַטירלעך לעבן...

פרץ איז געווען מענטש פון אינטעלעקט. אָבער ווי שטאַרק האָט עס אים אָפּגעשטויסן די טרוקענע ניכטערקייט! עמאָציע האָט געמוזט פֿאַרנעמען אַ חשוב אָרט. אויב מעגלעך — זיין די כסדרדיקע באַגלייטערין. דורך איר דערקומען צו דער העכסטער מדרגה. דאָס האַרץ האַרף זינגען אין אונדז; אין מאַרך פון די ביינער דאַרף עס זינגען. און אויב די נשמה זינגט נאָך אויף אַ ניגון אָן ווערטער און אָן אַ קול, — „דאָס איז שוין אַ חלק פון ניגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין איר...״ („מקובלים״). —

און איידער צו גיין צו גאָט דורך די גערוימע, פּרעכטיקע, אָבער אייז־קאַלטע פּאַלאַצן, וואָס וואַרפן אָן אַן אימה צוליב די פֿאַרשידענע, מיט אַלערליי ליכט באַגאָסענע זאַלן, וואָס מ׳דאַרף אין זיי דורכגיין און וואו מ׳זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן, אַזש אַ ציטערניש גייט אַריבער איבערן לייב, — וואָלט ער שוין גיכער געגאַנגען אין שטאָט, צווישן פּשוטע מענטשן, צי אין פעלד, אין וואַלד, דאָרט זיך צו באַהעפטן דורך די מענטשנס התלהבות, פרייד און ליבשאַפט מיטן הימל, מיט דער ערד, מיט דער נאַטור, מיט די ברעקלעך גרעזעלעך, די ביימער, די פייגל. דורך זייער שאָרך, גערויש און געזאַנג, צונויפגעמישט אַלעמענס ניגונים אין איינאיינציקן זמר, קען מען אויך דערקומען צו דער העכסטער עקסטאַטישער באַהעפטיקונג מיט וועלטאַל. איר געדענקט מסתמא אַלע „צווישן צוויי בערג״. דאָ פירט אַ גלייכער וועג

צו פאַנטעאיזם. ברוך שפינאָזאָס שיטה, דעם בעל־שם־טובס דרך — זיינע.

און אַחוצדעם איז דאָ פאַראַן אַן אַנדער ענין, וואָס איז אפשר וויכטיקער פונעם באַרירטן: דאָס איז די דערציערישע זייט. — מען דאַרף יעדן לאָזן זיך אויסלעבן לויט ער פילט אָדער פאַרשטייט פאַר אַ באַדערפעניש; לאָזן קומען צום אויסדרוק פולשטענדיק, נישט אונטערדריקט קיין שום געפיל און אינסטינקט. עס איז אַ נויטווענדיקייט.

מיר זענען נוטה צו טראַכטן מיט פעסטאַלאָצצין, אַז דער מענטש איז גוט, אין תוך גענומען. נאָר לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז ער איז נישט גוט און נישט שלעכט. טו פאַרוואָס אים שטעלן צוימען, און אָנצייכענען וואָס ס׳איז יאָ דערלויבט און וואָס נישט? ערשט דידאָזיקע באַגרענעצונגען שטעלן פאַר אַ נסיון. דורך זיי וועקט זיך אויף דאָס שלעכטס. פאַרוואָס זאָל דער מענטש זיך נישט פרייען מיט זיין אייגענער פרייד און נישט טרויערן זיין אייגענעם טרויער? — און לאָמיר ציען נאָך ווייטער. קיין שום אַנדער זאַך, אַ חוץ באַפרידיקן אונדזערע אינערלעכע, גייסטיקע, באַגערן און באַדערפענישן, האָבן מיר נישט וואָס צו דערגרייכן אויף דער וועלט. אַן אייביקע אומצופרידנקייט מיט דעם פאַראַנענעם וואַקסט מיט מיט אונדז. און ס׳קאָן גרייַלעך זיין, אַז אונדזערע וואונטשן אַרויסצובאַקומען עפּעס העכערס זענען אין־לשער גרעסער, ווי די מעגלעכקייטן. אָבער זי, דידאָזיקע אומצופרידנקייט, איז נויטווענדיק. און אפשר נאַטירלעך איינגעבוירן. מחמת זי האָט עס דערמעגלעכט די קאַפּיטאַלע שאַפונגען, ווערק און דערפינדונגען, אָן וועלכע מיר קענען זיך נישט באַגיין. — און ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער וועלט, אַ חוץ דער, וואָס יעדערער פון אונדז חלומט אויס, דאָס הייסט: די גייסטיקע וועלט, די

וועלט פון אונדזער פאַנטאַזיע, געפיל, געדאַנק. אַלדאָס איבעריקע, די מאַטעריעלע ווערטן, זענען קיין ווערטן נישט. הבל הבלים. האָבן נאָך ביז איצט קיינעם נישט באַפרידיקט און נישט צופרידנגעשטעלט. אָבער שאָדן האָבן זיי יאָ געבראַכט אַ סך. גייציקייט פאַרניכטונג, שקלאַפעריי, אונטערדריקן די פערזענלעכקייט-אינדיווידואַליטעט, פוסטע גאוה, חוצפה, אויסלאַכן דעם נאָנטן. קנאה, פיינטשאַפט, פאַרראַט, רציחה...

די באַגריפן פון גוטס און שלעכטס, לויט זיי זענען אַלגעמיין אָנערקענט — אין זיי איז דער טעות. די ריכטנדיקע מאָראַל איז גרונטיק פאַלש. און כאָטש יעדער איינער ווייסט, אַז עס איז אַזוי, פונדעסטוועגן דערלויבט מען קיינעם נישט צו זאָגן עפּעס דערקעגן. אדרבה, זאָל עמעץ וואַגן וועלן גיין זיין אויסגעטרוימטן וועג — ס'אַראַ כוואַליע פינצטערניש עס גיט זיך עס אַ לאָז אויף אים, גרייט אים צו פאַרשלינגען, פאַרצוקן. אומבאַוואוסטזיניקייט און קאָנווענציאָנאַליזם שטאַרצט פון אומעטום. און אָן דעם מינדסטן חשק צו פאַרשטיין און באַגער אומצוענדערן. און ווער — אויב נישט דידאָזיקע איידעלע וואגער, זענען עס די אמתע שעפער און באַשאַפער? — דער „משוגענער בטלן" איז נישט משוגע און נישט קיין בטלן. נאָר וויפל קומט ער עס אָפּ פאַר זיין אייגנאַרטיקייט און אייגנטימלעכקייט, פאַר זיין וואַגן לעבן זיינע אייגענע טיפע, נישט געוויינלעכע, אינטערעסן? די שפּאָטישע באַציאונג טרייבט, צווינגט — ער מוז לסוף ווערן בטלניש, משוגע. — די סביבה איז בלינד, עם-הארציש און ציניש. אויב זי איז בכלל קאַלט און האַרט און אָן רחמנות צו אירע נאָנטע גופא, פון איר זעלביקן קרייז, איז זי נאָך אייזקאַלטער און האַרטנעקיקער צו די, וואָס טיילן זיך אַרויס פון איר, נעמען נישט

אָן אירע נישטיקייטן, לעבן נישט איר קליינע השגות, די קרומקייטן און נבזהדיקייטן.

די פאַרדאָרבנקייט האָט דאָך קיין גרענעץ נישט.

פרץ האָט ממש פאַרגעטערט עכטקייט, אויפריכטיקייט. און פונקט אַזוי האָט ער פאַראַכט צביעות, נישט ריינע כוונות. דאָס געוויסן האָרף זיין אומבאַפלעקט, די נשמה לויטער. אַז גוף זינדיקט געצוואונגענערהייט — פאַרפאַלן. דער געדאַנק, די מחשבה, די נשמה, דאַרף בלויז נישט זיין דערביי; זיין אָפּגעטון דערפון — איז גענוג. גוף איז ערד און גייט צו ערד. אָבער נשמה — דאָס איז תכלית, איז דאָס אײדלסטע, העכסטע, וויכטיקסטע אינעם מענטש; דאָס, וואָס איז בכח דערגיין צו אמתער שלימות און גרייכן צו גאָט. שלעכט איז, אָבער, ווען דער גוף ווערט צניעותדיק אָפּגעהיט און אין מח ווימלט עס מיט שלעכטע כוונות, איז פאַרדאָרבן. „מחשבה איז נפש" — זאָגט דער „אַלטער", דער רבי, צו זיין חסיד, דעם שליח-ציבור אין דער דערציילונג „אָפּקומעניש".

די מענטשן זעען אָבער און שאַצן דאָס ריין-אויסערלעכע, און זענען נישט בכח צו באַגרייפן די אינערלעכע יסורים, צאַנקערייען און דערהויבנקייט. פאַרמשפּטן זיי טאַקע און זינגען שבחים — היפּכדיק, פאַרקערט לויט די פאַרדינסטן. דאָס געשעט מיט די צוויי שוועסטער מיט די „אַראָפּגעלאָזטע אויגן".

ביידע לעבן טאָפּעלע לעבנס. אָבער ס'אַרא חילוק צווישן דער טאָפּלקייט! און ווי שטאַרק גרויס עס איז דער אונטערשייד — אַזוי אויך די נישטפאַרשטענדיקייט מצד דעם אַרום, דעם אַמביענט. — איינע, וואָס זינדיקט כסדר מיטן געדאַנק, אַז די נשמה איז שוין דורכגעפלעקט פון חטאים, פאַרהיט

אָבער פון שמוץ דעם גוף, אַזוי, אַז די ווערעם האָבן דערנאָך אַפילו נישט קיין שליטה איבער אים — די ווערט אויסגע־לויבט און פאַרגעטערט. די אַנדערע, וואָס איז געצוואונגען צו פאַרטמאַן דעם גוף, פאַרהיט אָבער צניעותדיק פון פאַר־פלעקט צו ווערן די נשמה, וואָס בלייבט ווייס קלאָר און לייכט שטיל ווי אַ טויב; דער געדאַנק, די מחשבה, איז בכוונה תמיד זויבערדיק ריין, — די ווערט מצד דער סביבה פאַראַכט און פאַרשטויסן. אויפן עולם־האמת, פאַרשטייט זיך, באַקומט יעדע איר שכר, ווי זי האָט זיך עס ריכטיק פאַרדינט. — אָבער, ווי פיינלעך עס איז דעם גוטן צו ווערן נישט־פאַר־שטאַנען, און ווי גרוילהאַפטיק עס איז דאָס דאַרפן זיין אויס־געשטעלט אויף דער מבינות פון דער קורצזיכטיקער, צוריק־געשטאַנענער און עם־הארצישער סביבה, וואָס איז אייגנט־לעך די דאָמינירנדיקע.

„מענטשן זעען מיט די אויגן אויבנאויף״. —

און די איגנאָראַנץ האָט נישט קיין גרענעץ. — פּונקט אַזוי ווי די מאַסע איז נישט בכח צו זען טיפער און ווייטער, ווי פאַר דער נאָז — אַזוי איז זי אויך אָבערגלויביש, פאַנאַ־טיש און גלייבט אין נישט־געשטויגנס, נישט־געפלויגנס אין שייכות מיט זאַכן און פאַקטן, וואָס זענען באַשיימפּערלעך רעאַל. אמת, זיי, די זאַכן און פאַקטן, קענען גלייכצייטיק טאַ־קע האָבן אַ העכערן און טיפערן מיין, און דאָס קען זיין די שטערונג אַריינצודרינגען און צו באַנעמען. אָבער אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין פאַרשטאַנד און תפיסה אויפצוכאַפּן די וואָ־רע ווירקלעכקייט, סטאַיעט שוין אַוודאי נישט קיין אָרט צו קענען באַגרייפן עפּעס תמציתדיקערס, יתרהדיקס. דאָס געשעט, אַ שטייגער, מיט דעם „נעמיראָווער״, וואָס ווערט

אין די סליחות-טעג פאַרשוואונדן. דער עולם גלייבט באמונה שלימה, אַז ער פליט אַרויף צו גאָט אין הימל. ס׳דאַרף קומען ערשט אַ ניכטערער ליטוואַק, וואָס קען בכלל נישט גלייבן אין דעם, וואָס עס לייגט זיך נישט אויפן גראָדן שכל, אויפ־צוקלערן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער גייט נאָך באַהאַל־טענערהייט דעם רבין פוסטריט, זעט צו מיט די אייגענע אויגן די מעשים און פאַרשטט, אַזוי אַרום, אוים די מיסטעריע. פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער קאַלטער ליטוואַק וועט שוין פון איצט אָן נישט לאַכן, נאָר פאַרקערט: בלייבן אויף אייביק דעם „נעמיראָווערס" אַ הייסער חסיד. ווייל דאָס, וואָס ער זעט צו, איז נישט בלויז פליען אין הימל אַריין, נאָר נאָך הע־כערס...

וואָס האָט אייגנטלעך געטאָן דער רבי? גאָרנישט קיין הימלשע זאַכן; אדרבה, זייער געוויינלעכע, ערדישע. זיי ווערן אָבער צוליב זייער פשוטקייט און מענטשלעכקייט, וואָס איז גלייכצייטיק דערהויבענע טיפקייט, נישט פאַרשטאַנען. —

זיך אָנגעטאָן פאַר אַ פויער, אַוועק אין וואַלד, אָנגע־האַקט האָלץ, עס אַוועקגעטראָגן צו אַן אָרעמער, עלנטער, פאַרוואָרלאָזטער קראַנקער פרוי; אָנגעצונדן פייער, געזען ס׳זאָל זיך גוט צעברענען, און אַזוי כסדר. וואָס קען נאָך זיין איינפאַכערס, פשוטערס? גאָרנישט, דוכט זיך. אָבער וואָס קען גלייכצייטיק זיין אַזוי דערהויבנדיק, מענטשלעך הויך און טיף-מיטפילנדיק?

דאָס איז עס, אייגנטלעך, וואָס מיר דאַרפן טאָן אוים־צופאָלגן אַלע רעליגיעזע פאַרשריפטן, פאָדערונגען. און וועל־כע אמונה, אין איר אורשפרונג און אייגנטלעכן זין, האָט עס נישט פאַר אַ ציל קעגנצוקומען און אַרויסצוהעלפן דעם ליידנ־

דיקן, נויטבאַדערפטיקן, דעם נאָנטן? און וועלכע נאָך מער, ווי די יידישע? אָבער דאָס פאַרשטייען בלויז יחידים...

אַלזוי, נישט צו סליחות אין בית־מדרש אַריין בעת די ימים־נוראים און נישט אין הימל אַריין צו גאָט, נאָר ברענגען הילף דעם, וואָס נויטיקט זיך דערין. — און טאָן דאַרף מען די אַרבעט שטיל, באַשיידן, ס׳זאָל בלייבן פאַרהוילט פון מענטשלעכן אויג. ווייל ווי דער מיט־שכן וועט אונדז משפטן וועט זיין נישט ריכטיק. דאָס טייטשן סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן, וועט זיין איבערגעטריבן, אָדער נישט דערשאַצט, פאַלש לויט דער עצם טאַט, טעותדיק אין אויפפאַסונג. מיר זענען נאָך נישט פעאיק און גאָר אויף מרחקים ווייט צו קענען אָפּשאַצן עפּעס־וואָס לויט איר ווירקלעכן ווערט און באַדייט. דערפאַר לאָמיר שטיל, באַשיידן, בחדרי־חדרים אויספירן אונדזער שליחות. ס׳איז גענוג אַז אונדזער כונה זאָל זיין אַ גוטע און מיר זאָלן טאָן לטובה... און אינדערצאמתן: דער, וואָס טוט מיטן גאַנצן האַרצן, פאַרלאַנגט גאָרנישט, און ס׳איז אַבסאָלוט ווייט פון זיין טבע דאָס מפרסם צו ווערן און אומשטעלן זיך. מ׳טוט עס אוים אַ טיפער אינערלעכער נויטווענדיקייט צו טאָן גוטס, אַרויסצוהעלפן, אוים דעם רחמים־געפיל און פאַרשטענדעניש. דאָס איז געווים. —

און דער, וואָס וויל טאַקע אויפריכטיק, בפועל ממש גוטס־טאָן און העלפן דעם ליידנדיקן; דער, וואָס האָט זיך עם פאָרגענומען פאַר אַ ציל אין לעבן, וועט אַפילו נאָכן טויט אויך נישט אָפּשטיין. ער וועט וועלן זיין צווישן די, וואָס קומען אָפּ, בכדי זיי צו קאָנען, וויניקסטנס, טרייסטן מיט רייד. גאָרנישט וועט אים אָפּהאַלטן. וועט אַפילו גרייט זיין צו גיין אין גיהנום. („ביים גוסס צוקאָפּנס״).

אין מרימלם מוסר-נפש-זיין זיך, גרייטקייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר אַ זינדיקן, פאַר דעם, וואָס ווייס אַפילו נישט פון דער אומגעהייערער סכנה, וואָס לויערט אויף אים, בלויז צוליב דער גרויסער ליבע און בכדי צו פאַרהיטן און ראַטעווען אַ בעל-תשובה פון אומקום — אָט וואו עס שטעקט דער העכסטער אויסדרוק פון קרבנות-גרייטקייט און ריכטיקער זין פון מסירת-נפש. — קיין שום אויסזיכט פאַר פערזענלעכער אייגננוץ, אַחוץ דעם טובת-הכלל. („מסירת נפש”).

און פאַר דעם, וואָס מיר שטעלן זיך איין אָדער אין וואָס מיר גלייבן, דאַרף עס זיין מיט טיפער איבערצייגטקייט, באמונה שלימה, אָן קאָמפּראָמיסן און באַוואוסטזיניק.

וואו איז נאָך דאָ העכערס, צופרידנשטעלנדיקערס, ווי איינשטעלן זיך פאַר דעם, וואָס מען האַלט עס פאַר דעם טייערסטן, הייליקסטן, פאַרהיטן עס פון פאַרשוועכונג, כאָטש דערביי קומט אוים צו ליידן בזיונות, שלעק, פורעניות און אפשר טאַקע דאַרפן אומקומען? — וואָס פאַר אַ דריי בעסערע, געווינטשענערע מתנות האָט געקענט אויסגעפינען און ברענגען די נשמה, וואָס האָט אַרומגעוואָגלט א פאַרצווייפלטע יאָרן און יאָרן, אין זוכעניש פון עפּעס ווערטפולס, אומגעווינלעכס, וואָס זאָל דערמעגלעכן צו עפענען פאַר איר די טויערן פון מלכות השמים? דער הויפן מיט בלוט-באַשפּריצטע ארץ-ישראל-ערד, די פאַרבלוטיקטע שפּילקע, די יאַרמלקע, די דאָזיקע אויסטערלישע חפצים, זאָגן געגוג עדות אויף דער אמונה, איבערגעגעבנקייט, צניעות, שלימות, און בכלל גייסטיקער דערגרייכונג פון די דריי וועזנס, צו וועמען זיי האָבן גע-הערט. און נישט אומזיסט ווערט גאָטס האַרץ אַזוי גערירט. פאַרן אָנגעזיכט פון אַזאַ מין פאַרהיטן און איינשטעלן זיך, אַבי נישט צו לאָזן פאַרלעצן און פאַרשוועכן אויך אין דער

גרויזאַמסטער רגע דאָס איבערצייגט פאַרהייליקטע, — נו, דאָ מוז גאָט גופא זיך פאַרשעמען און אַנידערקניען...

זאָל זיך קיינער נישט איבערשרעקן פאַר דידאָזיקע קאָנצעפּטן, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעבראַכט. פּרץ איז געווען אַן אַטעאיסט. אָבער, פאַרשטייט זיך, אין דעם בעסטן זין פונעם וואָרט. דער באַגריף גאָט איז זייער ברייט און טיף, און איז עפּעס מער דערפון, ווי ער ווערט כלל פאַרשטאַנען. לאָמיר הערן וואָס זאָגט פּרץ. קודם-כל דאַרף מען וויסן, אַז זיין באַגריף איז, אַז „גאָט מוז זיין **לעבן!**" און „לעבן איז נאָר שטרעבן!"(36). נאָך מער: „לעבן הייסט—האָבן געטלעכע פאָרשטעלונגען און, אין אַ געוויסער מאָס, געטלעכן ווילן, די פאָרשטעלונגען אויסצופירן, דאָס אַרומיקע, לויט פאָרשטעלונג, אידעע און ווילן צו ענדערן, אַרויפפירנדיק וואָס אַמאָל נייע פאָרמען, אַ שותף זיין צו מעשה בראשית!"(37) — אויך די פאָלגנדיקע זענען פּרצעס ווערטער: „נישט אינעם **געוועזענעם**, וואָס איז פאַרביי, נישט אין באַשטייענדיקן, וואָס גייט אָפּ, איז גאָט! „אהיה אשר אהיה!" אינעם שפּעטער, אין דער אייביקער **צוקונפט**, אין דער **אייביקייט**, איז גאָט! אייביק מוז זיין דאָס שטרעבן צו אים!"(38) — און מ'קען טאַקע נישט אַנדערש. יאָ, לאָמיר געדענקען, אַז דידאָזיקע ציטאַטן זענען נישט אַרויסגענומען פון אַ דערציילונג, וואו מ'קען מסופק זיין צי דער מחבר האָט עס טאַקעווירקלעך געמיינט, נאָר פון אַ פּובליציסטישער אַרבעט, וואו די אַרויסגעזאָגטע ווערטער און אויסגעדריקטע געדאַנקען זענען אויטענטיש דעם שרייבערס, זיין מיין און זיין רעיון.

36) „אין מיין ווינקעלע", זייט 88.
37) „אין מיין ווינקעלע", זייט 86.
38) „אין מיין ווינקעלע", זייט 88.

מ׳דאַרף אָבער נישט גיין אַזוי ווייט-טיף, ווי פּרץ, בכדי צו פילן דידאַזיקע מלכותדיקייט. ווער ס׳קומט אין נאָנטן קאָנטאַקט מיט דער וואונדערלעכער און סודותפולער נאַטור און אירע דערשיינונגען, און ווי קלאָר וויסנשאַפטלעך אַלץ זאָל אים זיין פאַרענטפערט — קען דאָך נישט אַנדערש, ווי בלייבן פאַרבליפט, נשתומם און יראהדיק פאַר דער געטלעכער אַנטפּלעקונג אין איר אָנגעזיכט. — און ס׳כאַפּט אַרום אַ ווילן צוזאַמענצוגיסן זיך, צו ווערן איינס מיטן אין-סוף. און מען דערפילט זיך גוט, וואָס מ׳איז כאָטש אַ טיילכל, הגם נישט מער ווי אַ נישטיקס, פונעם דאָזיקן נס.

לאָמיר, אגב, צוגעבן צווישן קלאַמערן, אַז פּרצן האָט אפשר די נאַטור נישט אַזוי באַווירקט. ער פאַרקלאָגט זיך טאַקע פאַר יעקב דינעזאָנען אין אַ בריוו: „איין זאַך פאַר-דריסט מיך: די „שיינע" נאַטור מאַכט מיר פאַרגעניגן, גיט מיר נישט קיין שטאָף. שטאָף גיט מיר דער מענטש". (בריוו און רעדעס, ז. 179). כמעט דאָס אייגענע שרייבט ער צו דער דאָמע ביים מעער (דאָרט, זייט 184): „מיך אינטערעסירט מער דער מענטש, די זעלע. ביי דער טויטער נאַטור, ווי שיין זי זאָל נישט זיין, האָב איך גענוס אָטעם איך פרייער, רו בעסער". —

נו, פּרץ איז נישט דער איינציקער, וועמען די נאַטור רירט נישט צו שטאַרק און וואָס באַטראַכט דעם מענטש אי-בער איר. אפילו הענרי דייוויד טאָראָ, דער פילאָזאָף פון די וועלדער, דער מענטש, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַר-בראַכט אויף דער שוים פון דער נאַטור און זי אַזוי טיף גע-פילט און פאַרשטאַנען, און אַריינגעדרונגען אין איר און זי אויסגעטייטשט, — אַפילו ער קומט אין אַ געוויסן מאָמענט צו אַזאַ מסקנא: „דער מענטש איז אַלץ אין אַלץ. די נאַטור איז

גאָרנישט, קוים דריקט זי נישט אוים און שפּיגלט נישט אָפּ דעם מענטשן". דאָ פאַרמאַכן מיר דעם פאַרענטעזיס און קערן זיך אום צו אונדזער ענין.

רעליגיע אָן־און־פאַר־זיך וואָלט גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט, ווען ס׳וואָלט זיך נישט געפונען ווער עס זאָל זי פאַרקריפּלען און נעמען אויסנוצן פאַר פּערזענלעכע צוועקן, געשטיצט אויף דער אומבאַוואוסטזיניקייט פון המון. גלויבן איז דערהויבנדיק; גאָט — זיין העכסטער באַגריף־אויסדרוק. דער בראשיתדיקער מיין, דער יסוד, און דער גאַנצער בנין— איז ריינע עטיק. פאַרקריפּלט איז עס געוואָרן דערנאָך, שפּעטער שוין. פאַר די שעפער איז עס געווען פורער אידעאַליזם. פאַרשטיין דאָס קענען בלויז די, וואָס האָבן זיך פירגענומען איינצופירן אין לעבן פרייהייט, יושר, אמת, גלייכהייט, אחדות, ברידערלעכקייט, און זיי קעמפן דערפאַר מיט לייב־און־לעבן. נישט ווי די, פאַרשטייט זיך, וואָס נוצן דידאָזיקע ווערטער, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך הויכע מענטשלעכע אידעאַלן, ווי אַ מאַנטל צו פאַרדעקן זייערע קליינלעכע אַמביציעס, גייציקייט, הערשזוכט. ביי די האָבן זיי קיין שום אינהאַלט נישט. זענען אויסגעהוילט, אָן שום תוכן.

פּרץ איז געווען פריידענקער, וואָס דאָס מיינט צו זאָגן: זיין פריי, האָבן די פרייהייט צו דענקען נאָך אייגענעם איינזען נאָך; נישט זיין געצוואונגען אָנצונעמען בלינד, וואָס אַנדערע הייסן, נאָר לויט אייגענעם פאַרשטאַנד, פּערזענלעכער איבערצייגונג. גלייכצייטיק רעספּעקטירן דעם צווייטנס אידעען, מעגן זיי זיין קעגנזעצלעכע. בכלל דאַרפן דעם מענטשנס באַציאונגען אין אַלע הינזיכטן זיין געשטיצט אויף רעספּעקט און טאָלעראַנץ.

דער באַגריף פרײדענקער איז זײער שלעכט אויסגע־טײטשט געוואָרן, פאַרקריפּלט. אין דער װירקלעכקײט איז עס שיעור נישט געװאָרן בײ דעם גרויסן רוב װי אַ סינאָנים פון הפקרות. און צום גרויסן באַדויערן האָט זיך זעלטן װען עמיץ גענומען די מי צו אויפקלערן דעמדאָזיקן גרונטיקן טעות. און די, װאָס האָבן מיר־נישט־דיר־נישט, אָן שום װײ און אָן פּײנפולע איבערלעבענישן אָפּגעװאָרפן די רעליגיע, האָבן גענומען קעמפן קעגן איר מיט אַזױ פיל האַס און דעמ־זעלביקן פאַנאַטיזם, װי די, װאָס האָבן זיך בלינדערהײט, צי אָפּט מיט אויסגערעכנטקײט, פאַר איר אײנגעשטעלט. אַנ־שטאָט באַװאוסטזיניק מאַכן, אויפקלערן, האָט מען געלאָזן בושעװען די װילדסטע חיהשע אינסטינקטן. קלאָר, אַז צופיל ליכט האָט עס נישט אַרײנגעבראַכט; נאָר פאַרקערט, פינצ־טערניש, עם־הארצות, און הפקרות טאַקע...

און אויף צו האָבן אַ רעליגיעזע נאַטור, װי פּרץ האָט פּאַקטיש געהאַט, דאַרף מען גאַרנישט גלײבן אין גאָט; ס׳איז אַבסאָלוט גאָרנישט נויטיק. מ׳דאַרף זײן בלויז איבערפולט מיט אַן אידעאַל; װיסן קלאָר װאָס מ׳װיל; און האָבן דעם באַ־װאוסטזײן אויף די נוצן, װאָס דער אידעאַל קען ברענגען; דעם װילן צו פאַרװירקלעכן אים, און זיך אײנשטעלן ממש — איז אַט האָט איר עס אינגאַנצן.

פּרץ האָט עס געהאַט. מיר האָבן עס שוין פריער געזען. און אין אַ פולער מאָס. און ער האָט אויך געװאוסט, אַז צו דערמעגלעכן דער אידעאַל זאָל סוף־כל־סוף קענען װערן אַ װירקלעכקײט, איז קודם־כל נויטיק אויפקלערונג. אים זע־נען געװען גוט באַקאַנט די נויטן און אמתע באַדערפעניש פונעם מענטשן און פון ײדישן מענטש איבערהויפּט, פון יחיד און כלל, ציבור און פאָלק. און אויב ענדערונגען, קאַפּיטאַלע

אומבייטן — דאָרף דער ייד טאַקע דורכוים פון דורך זיין באַזונדערער, אייגנאַרטיקער וועלט-אוים, פון דורך די אייגנ־טימלעכע פרינציפּן, איינפירונגען, גלייבונגען, טראַדיציעס, וואָס מ׳האָט געלעבט יאָרהונדערטער — און טאַקע יאָר־טויזנטער — און וואָס זענען געווען דער וויטאַלער לעבנס־אימפּולס. דורך ריין און עכט יידיש לעבן צו—וועלט! איך וועל דאָ, דרך אגב, צוגעבן, אַז דאָס איז אויך איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן אין דער נייער דערציאונג, וואָס וויל שאַפן גאַנצע מענטשן, פרייע, נייע, באַוואוסטזיניקע, באַהאַוונטע. דערווייל זענען נאָך אין דער וועלט דערמיט פאַרנומען יחידי-סגולה. אָבער סוף-כל-סוף וועט עס אויך דאָך ווערן אַ ווירקלעכקייט. לאָמיר האָבן בטחון.

פרץ חלומט זיך אוים אַ טיפּ פרייען מענטש. אַזאַ מין מענטש, וויל ער, זאָל עס זיין דער ייד. אמת, זיין מענטש איז גאָר פון אַן אַנדער ספערע, פון אַ ריין גייסטיקער, ספּירי־טועלער, עטישער. דאָס איז דער מענטש, וואָס וואָגט צו זיין אַנדערש, ווי אַלע, און וואָגט אויף עפּעס מער אויך. מען קען עס אָבער זיין און ווערן, ווייל אַזעלכע זענען בנמצא. ווייניק טאַקע, אָבער זיי זענען דאָ.

„פאַראַן מענטשן פרייע.

„פאַראַן מענטשן **דענקענדיקע, זעלבשטענדיקע;** מענ־טשן — מיט אייגענע געפילן און באַגריפן, מיט אייגענער בענקשאַפט, וואָס לאָזט נישט צורו; אויגן, וואָס שטעכן דורך די דיקסטע נעפּלען פון דער צייט; אויערן, וואָס הערן קלאַנ־גען פון די ווייטסטע וועלטן... די קאָנען בצבור נישט דאַוו־נען, און נישט צו דער צייט. די קאָנען מיטן עולם נישט גיין... דאָס זענען די אייביקע זוכער פון נייע וועגן, די אייביקע ברע־

כער פון נייע באַנען. די גייען קיינמאָל נישט מיטן טראַקט... געפערלעך איז זייער וועג; פירט צווישן שלוכטן, איבער בערג־שפּיצן, איבער פעלדזן־שפּאַלטן און אָפּגרונטן. זיי שטייגן איבער דער גרענעץ, וואו ווייץ וואַקסט און קאָרן, איבער דער גרענעץ פון טויבן־נעסטן און פייגל־געזאַנג... געפערלעך איז זייער וועג, זיי גייען אָבער אַליין, פאַר זיך, אויף אייגענעם חשבון און פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

„פאַראַן מענטשן — נאַקעטע נשמות... נשמות, וואָס ליידן קיין פאָרמען, קיין צייכן, קיין סימבאָלן און זענען אַליין אינהאַלט, די כוונה אַליין. זיי עטעמען מיט גייסט און לעבן אינעם גייסט — זיי דאַרפן נישט קיין נוסח און קיין מחזור. זייער לעבן אַליין איז שוין געדאַנק און געבעט...

„און פאַראַן מענטשן מיט ווילן. זייער ליפּ האָט אַ מלאך מיט אַ ברענענדיקער קויל פון מזבח באַרירט; די נשמה מיט גאָטס ליבע און מיט גאָטס צאָרן אָנגעצונדן, און פון צייט צו צייט גייען זיי אַזוינע לעבעדיקע פלאַקערן אַרום איבער דער וועלט און שאַפן... אַלץ, די וועלט און דער מענטש איז פאַר זיי דאָס, וואָס דאָס שטיק ליים פאַרן קינסטלער — נייע פאָרמען מוזן ווערן באַשאַפן, אַלטע מוזן אָפּטרעטן, דאָס ליים — איבערגעקנאָטן ווערן״...39)

דאָ רעדט דאָס מויל פון אַ נביא. דאָס איז די ריינע טראַדיציע פון אונדזערע נביאים. פּרץ ציט ביי זיי יניקה. און ווייל „נאָר אין אונדזער ביבל, אין חסידיש, און פאָלקס־טימלעכקייט ליגט אונדזער איינציקע שטרעבונג״ 40) — גייט פּרץ דערפאַר צום פאָלק.

39) „גערדאַנקען און אידעען״, זייטן 213-212; „אין מייז ווינקעלע״, זייטן 25-24.

40) „בריוו און רעדעס״, זייט 258.

ער הייבט זיך אָן צוהערן צום פּאָלקס מויל. גייט די־רעקט צום קוואַל. ווייל וואו נאָך וועט ער זיך דערוויסן אַזוי געַנוי וועגן די סענטימענטן, צער, בענקשאַפטן, באַגערן, שטרעבונגען פונעם פאָלק, ווי פון זיין מויל גופא? — און ער הייבט עס אָן באַארבעטן, סדרן, פּולירן. און ס'קומט אַרויס דערפון דאָס, וואָס ער וויל און צו וואָס ער שטרעבט: אויס־שיילן דעם קערן, אַרויסכשופן דעם תמצית... ברענגט אַרויס די אַטריבוטן, וואָס זענען די אייגנטלעכע אייביקע אימפּולסן פון לעבנס־דראַנג, דער כוללדיקער תוך זייערער.

אַ טיפער צער און רחמנות טליעט אין אים פון תמיד אָן צו די ליידנדיקע פאַרשטויסענע, באַעוולטע. — אויף דעם זעלביקן אופן קומען אַלע אַרויס אויף דער וועלט, און אַלע האָבן גלייכע רעכט צו געניסן פון די פרוכטן, וואָס זענען אויף איר בנמצא. און בפרט נאָך די, וואָס זענען די פּאַקטישע דערמעגלעכער די פּירות זאָלן זיין. און גראָד זיי זענען עס די נישט אָפּגעשאַצטע, אונטעריאָכטע און אויסגעלאַכטע.

פאַר דעם לעבן, פאַר דער נאַטור, האָבן אַלע דעמזעל־ביקן ווערט. און דער וואָס האָט פליכטן לגבי דעם לעבן, מעג דאָך אוודאי האָבן רעכטן. — יעדער האָט זיין אינערלעכע וועלט, וואָס דאַרף ווערן רעספּעקטירט. — און דערפאַר אַ באַ־זונדער מיטגעפיל פאַר די שטומע נשמות, וואָס ווערן אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען און וואָס טראָגן איבער אַזוי הכנעהדיק די לצנות און די עבודת פרך, וואָס מ'וואַרפט אויף זיי אַרויף. יוחנן וואַסערטרעגער, אברהם דער באָס, סאַטיע פישער — ס'אַרא טיפע נשמות יתרות! ס'אַרא טיפע דראַנגען, וואָס זוכן צו באַקומען תיקון! — צוליב זייער תמימות, באַשיידנ־קייט, גאַנצקייט זענען זיי ראוי צו ווערן הייליקע, צדיקים,

אויסדערוויילטע. אפשר די ל״ו, וואָס אַ דאַנק זיי האַלט זיך די וועלט.

פּרצן האָט דענערווירט השגהלאָזיקייט; האָט אים ממש געעקלט. אויף באַנציע שווייג האָט ער רחמנות. דאָס אויס־רעכענען די אַלע מעלות זיינע, די אָפּקומעניש, זלזולים, וואָס ער איז אַזוי אונטערטעניק אויסגעשטאַנען און אָנגענומען פאַר ליב; דער שכר, וואָס ער האָט פאַרדינט אויף יענער וועלט, אַז ער קען שוין האָבן אַלץ וואָס דאָס אויג זעט און דאָס האַרץ גלוסט — איז אַ באַווייז דערויף. פּרץ בלייבט אָבער געפּלעפט פון באָנציעס נעבעכדיקן פאַרלאַנג. אַ מענטש, וואָס לויט זיין אויפפירונג האָט ער דערגרייכט צו דער העכ־סטער מדרגה — זאָל גאָר קיין השגה נישט האָבן אויף עפּעס מער, ווי אַ בולקע מיט פּוטער? — ער באַדויערט אים. און ער קריגט אויף אים מיטלייד, רחמנות. אָבער אין דעם פאַל איז רחמנות אַ נישט ווירדיק געפיל, כמעט אַן עקלהאַפטס, מחמת עס גרענעצט זיך מיט באַדויערונג. — אַזאַ געפאַלנ־קייט ביי זיך, אַזאַ שפלות, אַזאַ שקלאַפישקייט! און פּרץ האָט פאַרלאַנגט חשיבות, ווירדע! — ער באַדויערט אים, אָבער געפינט דאָך אַ זכות: די אייביקע נידערגעשלאָגנקייט, צוריק־געשטאַנענקייט, אומוויסן, האָבן גאָרנישט געקענט אויפוועקן אין אים קיין גרעסערע פאַרלאַנגען.

פּרצן אַרט פאַר דער שפלקייט, זי טוט אים וויי. השגה, ווירדיקייט, באַוואוסטזיין — דאָס איז נויטיק!

דורך די שטומע נשמות, וואָס כ׳האָב פריער דערמאָנט, ברענגט ער אויך אַרויס אַ טיפּן יידיש־קריסטלעכן געבאָט: „די לעצטע וועלן זיין די ערשטע”. דאָס זענען כמו־פאַראַבלען

צו באַשטעטיקן דידאַזיקע הויכע, אויסלייזנדיקע אידעע. — צו אונדזער גרויסן שאָדן, האָבן די יידן פאַרגעסן דעמדאָזיקן פסוק, און די קריסטן, וואָס צאַצקען זיך אַזוי מיט אים, האָבן אים אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל נישט געפּרואווט איינ־פירן. אַלס זעלטענע אויסנאַמען קען מען אפשר רעכענען עט־לעכע געציילטע הייליקע, ווי, אַ שטייגער, אַ פראַנציסקאָ פון אַסיז...

די זריעה פון ישו הנוצרים תורה האָט זיך ניט פאַרזייט אויפן ריכטיקן באָדן, במילא האָט זי נישט אויפגעשפּראָצט און איז נישט אויפגעוואַקסן דאָרט, וואו ס׳האָט באַדאַרפט. קריסטלעכ־קייט איז אַ ריין סעמיטישער, יידישער, פּראָדוקט. טאָ ווי האָ־בן זיינע יורשים, נישט־יידן, געקענט זיין צוגעפּאַסט און צו־געגרייט עם אויפצונעמען? — די אָנהענגער פון קריסטנטום, די, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון נישט סעמיטיש בלוט, האָבן קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען גענוי, וואָס יעזוס האָט גע־וואָלט. ספּעציפיש סעמיטישער — יידישער — אידעען־און געדאַנקענגאַנג, ספּעציפישע יידישע עטיק, וועלטאַנשויאונג, גייסט האָבן נישט געקענט אַריינדרינגען לעבעדיק אין בלוט פון מענטשן פון אַנדערע ערד־שטחים, ספּערעס און קלימאַטן; אין מענטשן מיט אַנדערשדיקע נייגונגען, באַגריפן, פּסיכיק. אָננעמען, אפשר אַסימילירן — יאָ; אָבער דאָס הייסט נישט: דורכדרינגען זיך, איבערנעמען זיך דערמיט, איינלעבן זיך, עס זאָל ווערן אַ נאַטירלעכע גאַנצקייט פונעם אייגענעם איך, איינגעבאָרן אינעם וועזן, ווערן איינס מיטן גאַנצן יש.

און אויף וויפל קריסטוסעס אמונה־יורשים האָבן באמת פאַרשטאַנען דעם תוכן פון זיין לערע, די ליבשאַפט און רח־מנות, און אויף ווי ווייט זיי האָבן עס גענומען ערנסט, — דע־

רויף איז עדות דיווירקלעכקייט. דאָס גאַנגבאַרסטע מיטל צו באַקערן די וועלט צום נוצרים תורה איז כסדרדיקע, אומ־אויפהערלעכע, גרויזאַמסטע פאַרפאָלגונג פון אַנדערש גלוי־ביקע. מיר, יידן, האָבן עס גוט געפילט (און פילן עס) אויף אונדזער לייב.

וואָס איז יידישקייט? — מעשים טובים, ליבשאַפט, גוטס־טאָן, אחדות, מידות טובות, צדקה, ערלעכקייט, יושר, תורה־לערנען, שלום, עניוות, אמונה, פרייהייט, שטאָלץ, חשי־בות, אחריות, התחייבות, בטחון... און אַן אייביק שטרעבן פאָרויסצוגיין, שטייגן אַלץ העכער און העכער, עד לב השמים.

פּרצן האָט נישט באַפרידיקט די ווירקלעכקייט. זי האָט אים נישט געקענט צופרידנשטעלן און ער האָט זי נישט גע־קאָנט לעבן. צו שטויביק, קליינלעך, שוואונגלאָז און באַגרע־נעצט פאַר אַ גייסט, וואָס איז געגאַנגען אין די דרכים פון די נביאים. ער האָט געוואָלט אָטעמען די לופט פון זיין אויסגע־חלומטער וועלט, די וועלט פון שלימות, שלוה, אין איר זיך פריי באַוועגן און צוזאַמען מיט אים — די גאַנצע מענטש־הייט, אַזאַ, ווי ער האָט געבענקט זי זאָל זיין. און פאַר דעם האָט ער עס אַ לעבן־לאַנג גבורהדיק געקעמפט.

„און קיינמאָל האָט דאָס בלוטנדיקע יידישע האַרץ נישט אַזוי געבענקט צום נביא, ווי היינט. צום נביא, וואָס זאָל זיך שטעלן אויפן שפּיץ פונעם העכסטן באַרג, די וועלט זען און די יידישע וועלט־נשמה אין איר אַנטפּלעקן; וואָס זאָל צו די בוער רופן אין נאָמען פון דער יידיש פאַרשטאַנען און גע־פילטער וועלט און זאָל יעדן אויסטיילן זיין אַרבעט פון אַל־

געמיינעם, פון דער יידישער וועלט־נשמה אַרויס, יעדן פֿאַר זיין ווינקעלע, פֿאַר זיינע הענט, לויט זיינע כחות און יעדן אַנווייזן זיין בוי־מאַטעריאַל..."(41)

ברילִיאַנטענע ווערטער. ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר אונדז. מיר האָבן דערצו גאָרנישט וואָס צוצוגעבן, חוץ אפשר בעטן, זיי זאָלן מקוים ווערן.

41) „געדאַנקען און אידעען", זייט 48־49.

פרץ האָט געשריבן אָפּגעהאַקטע זאַצן, האַלבע ווער־טער, מיט אַ סך פּינטעלעך. רמזים, אָנצוהערענישן. מען האָט אין אים אײַנגעטײַטשט און אויסגעטײַטשט. און יעדער קלאַס מענטש לויט זײַן גראַד צוגרייטונג, אויפֿנאַם־פֿעאיקייטן, לויט זײַן פּערזענלעכער, אינערלעכער אידעען־און געדאַנקען־וועלט, השגה, באַגער. און אַלע שיכטן האָבן אים אויפֿגענומען ווי אַן אבן טוב. ווי אַן אָנרעגער, אויפֿוועקער און פֿאַרענטפֿערער פֿון ענינים, פּראָבלעמען, וואָס זענען זיי , יעדן איינעם באַזונדער, נאָענט און אייגן. דער אַרבעטער, וואָס האָט געלעבט אין תמידיקער דחקות, האָט אין אים געפֿונען אַ רמז אויף סאָ־ציאַלע ענדערונגען צום גוטן; די באַצערטע, נישט פֿאַרשטאַ־נענע און אונטעריאָכטע פֿרוי האָט אין אים געזען אַ מיט־פֿילער און פֿאַרטיידיקער, וואָס אינטערפּרעטירט אירע חלו־מות, באַגערן, בענקענישן; דער וואַוילדלערנער, מיט זײַן מיס־טיש־רעליגיעזער וועלט, האָט באַקומען אַ באַקרעפֿטיקונג אויף זײַן לערע אין מאָדערנעם געדאַנק און ווערק; דער באַ־לעבאַטישער מענטש, וואָס איז געווען געוואוינט צו פּרד״ס און האָט אין זײַן באַרוטקייט געזוכט עפּעס אַן אָנרעגנדיקס, עקזאָטישס, וואָס זאָל אים געבן אַ תוכן און זאָל אים אַרויס־הייבן פֿון דער טאָג־טעגלעכקייט — האָט עס געפֿונען; דער

האַלב- אָדער גאַנץ-אייראָפּעיזירטער אינטעליגענט, פאַר וועמען דאָס יידישע לעבן איז געווען ענג, שמאָל, אָן שוואונג, און וואָס האָט שוין געזוכט ביי גוים ברייטערע האָריזאָנטן, האָט אַ דאַנק פּרצן מיטאַמאָל דערזען, אַז אין זיין היימיש געסל איז גאַרנישט אַזוי געפערלעך און שרעקלעך אין שייכות מיט הינטערשטעליקייט, דערפילט, אַז די ביטול-באַציאונג צו זיין אָפּשטאַם-סביבה איז נישט באַרעכטיקט. אויך דאָ איז פאַראַן דערהויבנדיקס, אויך דאָ זענען דאָ אַספּיראַציעס און אַזעלכע, וואָס דריקן זיי אוים אַזוי גוט און לאָקנדיק, ווי ביי „זיי", די גוים.

הקיצור, ס'איז געווען פון אַלץ ביי פּרצן, פון דרש און פּשט. פאַרשטייט זיך, אַז פון דרש מער, ווי פון פּשט. און דערין טאַקע פּרצעס אויפטו, און פּרצעס דערפאָלג, און פּרצעס וויכטיקייט.

אָבער מער, ווי צו אַלעמען האָט פּרץ גערעדט צו דער יוגנט. ער האָט ממש געכשופט איר האַרץ און געמיט. נאָכמער: זי האָט זיך געזען אין אים. פּרץ גופא איז געווען די פּערזאָניפיצירונג פון יוגנט און יונגקייט. זענען טאַקע זיינע בענקשאַפטן און שטרעבונגען געווען אירע, דער יוגנטס, און זיינע צילן זענען דערפאַר אויך געווען אירע.

מענדעלע מוכר ספרים איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם תלמודיש-געבילדעטן, יחוסדיקן מענטשן אַ צי געטון צו יידיש און געשאַפן באַציאונג צו מאַמע-לשון. באַציאונג און אַ געפיל פאַר אָנהייבן רעווידירן די פריערדיקע האַרטנעקיקע שטעלונג צו איר. קלאָר, אַז די סיבה איז געווען יענער טיף יידישער סטיל, יענער מאַניר און שטייגער, וואָס האָבן געגרונטעוועט טאַקע דאָרט, וואו ס'איז געווען בכלל

דער שורש און תמצית פון יידיש לעבן: די אַלטע, די אוראַל־טע, און גלייכצייטיק אייביקע, יידישע קולטור, וואָס יידן האָבן נאָכגעפאָלגט דור־איין דור־אויס יאָרטויזנטער. און דער זעלביקער יידישער מענטש, צו וועמעס געמיט און מח ס'האָט גערעדט בלויז דאָס, וואָס מ'קען און מען דאַרף טייטשן, און וואָס איז דורכאויס געווען געוואוינט צו פלפול, האָט תיכף דערנאָך אין פרצן דערזען אַ היימישן מענטש, אַן אייגענעם. דאָס זעלביקע, הגם אין אַן אַנדער זין און אויף אַן אַנדער אופן, איז געשען מיט דעם אַסימילירטן און אָפגעפרעמדטן. היימיש און אייגן אין גייסט, אין אַ העכערער אידעען־און אינטערעסן־וועלט. היימיש, נאָר דאָך פון דיסטאַנץ. דרך־ארץ און באַוואונדערונג זענען געווען די מאָס פאַר אים.

מענדעלע האָט אָנגעוויזן, אַז מ'דאַרף אָנהייבן אַ נייעם וועג, און ער האָט געקראָגן אָנהענגער. פרצן איז מען שוין נאָכגעגאַנגען כמעט אומבאַוואוסטזיניקערהייט, בלינד. מען האָט געוואוסט, אַז אין ערגעץ וועט ער שוין פירן, און וועט דערברענגען צו עפּעס רעכטס; און ס'וועט האָבן געלוינט דאָס לאָזן זיך לאָקן און פאַרשיכורן. מען וועט שוין געפינען פון אַלץ און כל־טוב.

פאַרשטייט זיך, אַז מענדעלעס און פרצעס צילן זענען געווען איינע און די זעלביקע, כאָטש די וועגן, מיטלען און עצם אינטערעסן זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע. מענדעלע האָט אין אַלץ געזען און געזוכט דעם ייד. אַפילו אין דער נאַטור. די אינטעררעליגיעזע, צי אַרעליגיעזע, און אפשר ריכ־טיקער: די אַנאַציאָנאַלע נאַטור איז ביי אים אויך אַרויסגעקו־מען יידישלעך. ער האָט זי מגייר געווען, געיידישט. פרץ, ווי־דער, האָט געזוכט און געוואָלט זען די פערזענלעכקייט אינעם

ייִד, דעם פֿרייען, עטישן מענטש. אָבער סיי דער, סיי יענער — ביידע האָבן געוואָלט שאַפֿן אַ ייִדישע ליטעראַטור און אַ ליטעראַטור אין ייִדיש, בכדי דורך איר צו דערהויבן די ייִדישע מאַסע, אַרויסשלעפּן זי פֿון טעמפּן ווינקל, אַרויספֿירן אויף אַ ברייטן, זונבאַגאָסענעם וועג, אום צו גיין דערנאָך און שטייגן אַרויף־באַרג, צו יענעם שפּיץ, וואָס איז אייגנטלעך דער צוועק און ציל פֿון אַלע קאַמפֿן און קאָסט אָפּ אַזוי פֿיל יסורים, מסירת־נפש, קרבנות...

יצחק לייבוש פּרץ איז געווען אַריסטאָקראַט. אַריסטאָקראַט פֿון געדאַנק און געפֿיל, אַריסטאָקראַט פֿון וואָרט און טאַט. — און נישט געוואוסט פֿון וואַנען און ווי אַזוי — איז ער געוואָרן פֿירער. אָן פּרעטענזיעס דערויף — און ער איז עס געוואָרן. פֿירער, וועגווייזער פֿון גלאַט יונגע טרוימענדיקע מענטשן, פֿון קעמפֿער און פֿון שרייבער. פֿאַר אַ גאַנצן דור איז ער געווען מדריך. און זיין גייסט טוט זיך גאָרנישט אָפּ. אדרבה, אין ניי אויפֿקומענדיקע טאַלאַנטן מערקט מען זיין השפּעה. — און קיינער נישט, ווי ער, האָט געצויגן ווי אַ מאַגנעט, גערופֿן צו זיך, ווי די זון, און אַרויסגעשטראַלט ליכט און געוואַרעמט מיט יענעם הויך וואָס באַזעלט און גיט לעבן. —

פּרץ איז געווען פּעליעטאָניסט, שיינשרייבער, פּאָעט, דראַמאַטורג, עסעיאיסט, פּובליציסט, סקיצנשרייבער, זאַמלער און באַאַרבעטער פֿון פֿאָלקלאָר, ראָמאַנטישער באַזינגער פֿון חסידות, פּראָטעסטירער קעגן סאָציאַלע אומרעכטן און פֿאָדערער פֿון פֿאַרבעסערונגען, יושר; געווען קעמפֿער און געוואָלט פֿאַרבינדן עבר מיט הוה צו שאַפֿן אַ נייעם עתיד, אַ נייע וועלט, אַ פֿרייע, גערעכטע, שיינע. — אָבער דאָס אַלץ

וואָלט אויסגעזען און געווען געגוג אָרעם און נעבעכדיק, ווען ער וואָלט נישט זיין דאָס, וואָס ער איז טאַקע בפועל ממש געווען: וויזיאָנער. און נאָך עפּעס, וואָס איז אויך איבער דעם: טרוימער.

דאָסדאָזיקע וואָרט איז געוואָרן פאַרבאַנאַליזירט די לעצטע צייטן. די שולד איז, פאַרשטייט זיך, נישט פון די טרוימער, נאָר פון די קליינע נפשות, וואָס האָבן אַזוי הפקר-דיק און התחייבותלאָז פאַרכאַפּט אַלץ און געוואָרן אומגעבעטענע מנהגים, אייגנטלעך: באַצווינגער, פאַרגוואַלדיקער.

דער גרעסטער שבח, וואָס איך קען אָפּגעבן פּרצן, איז זאָגן, אַז ער איז געווען טרוימער, אידעאַליסט. — זיין ציל איז געווען דערזעלביקער, וואָס אַלע גוטע, איידעלע און אויסדער-וויילטע גייסטער האָבן אים פאַר זיך, שטעלן זיך איין פאַר אים, גיבן אָפּ, האָבן אָפּגעגעבן און וועלן אָפּגעבן פאַר אים זייער חיות: דאָס איז וואוילזיין אַלעמענס, שיין דערהויבנדיק לעבן, האַרמאָניע, איינפאַרשטענדעניש, הימלש-תכלתדיקע גערעכטיקייט, ווירדיקייט פון מין מענטש.

וואָס וויל דען דער אַלטער רבי, ר' שלמה, אין „דער גאָלדענער קייט"?

„אויסגעלייזט פון פיין און שרעק
מוז ווערן —
די וועלט!"

„שבת זאָל זיין, שבת".

בכדי דאָס צו פאַרשטיין און זיך איבערצייגן דעריין, ווערט מען דאַרפן אָבער-און ווידער-אַמאָל לייענען פּרצן, און באַזונדערס די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און די חסידישע מעשיות. אויבנאויפיק זענען זיי, דוכט זיך, איבערגעגעבן

כמעט פון פאָלקס מויל, אָבער אין תוך געגומען זענען זיי טיף-דורכגעטראַכטע שטודיעס פון כאַראַקטער, מענטאַלי־טעט, פּסיכאָלאָגיע, קאָנפליקטן. אַ דין אַריינדרינגען אין דער אינטימיטעט, זעלטענע ניואַנסן פון סענטימענט און געדאַנק.

וויפל קענטעניש און דערקענטעניש! וויפל פאַרדאַמונג און אַרויסהייבונג! וויפל איינפאַרשטענדעניש, מחילה, פאַר־ענטפערונג, אַרום אַזוי פיל ברוטאַליטעט, חוצפּה, ווילדקייט, רמאות, בעסטיאַלישקייט!

און בכדי דאָס נאָך בעסער צו פאַרשטיין, וועט מען דאַרפן זיך דערמאָנען, וואָס עס האָט אים אינטערעסירט תמיד און מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען און פאַרוואָס ער האָט אָפּגעגעבן די לעצטע חדשים פון זיין לעבן. 1914-1915. די גרויסע מלחמה. וואַרשע איז פול מיט יידישע היימלאָזע, קרבנות פון קריג. אָרעמקייט, דחקות, הונגער. יידישע קינ־דערלעך וואַלגערן זיך אַרום, אויסגעמאָגערטע, בלייכע, קראַנק, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. — וואָס זענען דידאַזיקע עופהלעך שולדיק? און פאַרוואָס איז זיי באַשערט אָפּצוקו־מען? — פּרץ, צוזאַמען מיט זיין איבערגעגעבענעם פריינד און פאַרגעטערער יעקב דינעזאָן, נעמען זיך אונטער באַזאָרגן זיי מיט וואוינונג, עסן, פאַרווייליגג, שפּיל. פיבערדיק, בלב ונפש גיט זיך פּרץ איבער דערצו. מיטן גאַנצן פלאַם-פייער, וואָס האָט תמיד געברענט אין אים. און ער ווערט באַליבט ווי אַ טאַטע.

אין יידיש איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין זינג־שפּיל-און פאַרווייליגג-מאַטעריאַלן פאַר קינדערגאָרטן און אָנ־פאַנג-שול. פּרץ נעמט זיך אונטער עס צו שאַפן. און ס'ווערט געבוירן שנעל און לייכט, ווי דורך אַ נס. לידעלעך, מעשהלעך, ציילענישן, — אָן אַ שיעור.

און דערביי הויכט ער אוים די נשמה.

מיטן געדאַנק איז ער געווען ביי די קינדערלעך און די אַרבעט איז געווען פאַר זיי.

די לעצטע ווערטער, וואָס זיין זשעני האָט אויסגע־טרוימט און אַרויסגעבראַכט, און ביי וועלכע זיין האַרץ און דופק האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אייביק, זענען —

„שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער". —

דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש און סימפּטאָמאַטיש.

דאָסדאָזיקע ביכל האָט מען פֿאַרענדיקט דרוקן
מאָנטאָג, דעם 19־טן טאָג פֿון חודש יאַנואַר
פֿון יאָר 1942, אין דער דרוקעריי „אָפּטימוס״
פֿון קראַסילאָווסקי און סיני, אויף וואַלענטין
גאָמעס 2719, בוענאָס איירעס, אַרגענטינע.